STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04366

YAM-LIDER

Iashe Zeldin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאשע זעלדין

לידער
און
פּאָעמעס

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל”. מאָסקווע. 1973

С(Евр)2
З—50

יאשע זעלדין (1902 — 1941) געהערט צו דעם עלטערן דאָר ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. זײַנע יאָם־לידער, ווי אויך די ווערק פונעם ציקל „אין פרײַלאנד“, באזינגען די ראָמאנטיק פון יאם און יאם־לײַט, די באפרײַטע מי אינעם לאנד, וווּ ס'האָט געזיגט די אָקטיאבער־רעוואָליוציע. אין זעלדינס שאפונג פארנעמען א באַזונדער אָרט זײַנע פּאָעמעס, געשריבענע אין פארשיידענע יאָרן (סאָף צוואנציקער און הארט פאר דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע). זעלדין דער פּאָעט האָט געלעבט מיט די טיפסטע אינטערעסן פון זײַן צײַט און דאָר. דער לייענער וועט פון זײַנע שורעס און פערזן פארשטיין, פארוואָס האָט אזא דיכטער, ווי זעלדין, נישט געקענט ניט פארבײַטן זײַן פּען אף א ביקס, קעדיי זיך שלאָגן מיט דער ברוינער פאשיסטישער פּעסט.

З $\frac{743—323}{083(02)—73}$ 276—73

© *Издательство «Советский писатель», 1973*

לידער

יאם־לידער

וועכטער־יאמער

שוין געשליַידערט האָט טאָג אף באַגינענדיק יאם
מיט רויטן צעבלוטיקטן דיסק,
און געטראָפן אין מיר,
אינעם איינציקן וועכטער פון שיף,
וועמען נאכט האָט מיט איינזאם און שטומקייט
אָן אופהער גענערט און געגיפט,
און שטענדיק מיט נעצן פון כוישעך
פארשטריקט פון קאָפּ ביז די פיס.

ניט אומזיסט בין איך, יינגסטער פון ברידער,
פאר וועכטער פון יאמען געוויילט
אף צו טראָגן דעם טאָגיקן אָנזאָג,
וואָס האָט אף מיַין ברעג זיך צעהעלט.

ניט אומזיסט האָבן דראָענדע יאמען
ברעגן פון ברעגן צעשיידט.

אלציינס וועט דערגיין צו אלעמען
מײַן הילכיקע יוגנט־פרייד!

כ׳אקער שוין אקשנדיק גליווער
מיט שטאָלענע שטערן פון שיף,
און גארטל דעם ערדיקן קוגל
מיט יוגנט געמונטערטן רוף.

היי, ברידער אלערלייהויטיקע,
פון אלע פינף טיילן פון ערד,
וועמען אָנמוט געשמידט האָט אין קייטן,
און אקסלען מיט שווארץ־יאָר פארשווערט!
ס׳האָט דער טאָג שוין געשלײַדערט אין פרײַלאנד
זײַן ליכטיקן פריידיקן דיסק.
אָ, ניט לאנג שוין, ניט לאנג וועלן אײַך פײַניקן
קייטן פון אָנמוט די פיס!

1923

מאטראָס־ליד

כ׳וועל מיט גרינער פארב
ניט אויסקריצן מײַן הויט,
ווי אורפאָטער מיט צייכנס
גרויזאמקײַט און רום.
כ׳בין געזאלבטער האר
אף יאמיקן ארום.
מײַן קנעכט איז היימלאָזער
שטורעמווינט, וואָס ווייט.

כ׳וועל מיט רויטן ווײַן
ניט אָנצינדן מײַן מארך
און ניט לויפן דול
זיך קילן אין הור־הא,
און די אויצרעס מײַנע
הערשערישע מאכט
כ׳וועל ניט שענדן
מיט קיין לײַכטזיניקער האנט.

גליִען אָפּגרונטן
מיט גרינעם פאָספאָר־ליכט,
און וואלן — ווײַסע וועלף
שווינדן אין געיעג.

און הימל ט׳אָנגעטאָן
אף זיך א שווארצע טוך
פון ניט געקאמטן וואָל
פון כמארעס וואָגיקע.

וואקסן וואלן בערג
מיט הויקערס שנייִקע,
נעפלדיקע ווײַט.
שלענגלט בלוט און שפארט
דורך ענגע אָדער־שלאנגען,
און פריידיק איז געפאר
צו זײַן בא ווינט געפאנגען.

זײַנען מאכנעס גרייט
ווינטן היימלאָזע,
דורשטן נאָך געלויף,
גארן נאָך געשפאן
פון טראָסן, פארוסן
מיט אומרו אָנגעבלאָזענע,
פארצויגן און פארשטײַפט
אף הויכע זעגל־שטאנגען.

אהינטער יעדן בארג
זיצט א שווארצער טהאָם.
און ווינטן עגבערן
מיט קריגעריש געשריי
אף הייסער שטורעם־נאכט,
אף זינגענדן ארום.

איז ווער קען אָפשנײַדן
מײַן קריגערישן גאנג

אף וועגן אומגלײַכע
פֿון גרויסן לעבנס־יאַם,
ווען מײַן ווילן איז
פֿעסטער פֿעלדזן־שטאַם
און מײַן לײַכט־טורעם
איז מײַן אייגן לאַנד.

1927

אף אנקער

א גאנצענעם טאָג האָט א שטאָלענע פליג
אין מײַן אײַזן־געדולד אלץ געבויערט, געפיקט.

רונד איז די ערד און באשאָטן מיט שטעט,
און א דאָרף יאָגט א דאָרף איבער בארג און דורך סטעפ.

און אומעטום הימל איז בלײַ און איז בלאָ,
און איך בין דערבײַ ניטאָ.

ס׳פארלירן זיך יאמען אין אייגענער ברייט
פון טראָפּישע ברעגן ביז צאָפן פארשנייטן;

און אומעטום לעבן אי לאכט און אי וויינט,
און ס׳שימערן הימלען מיט וואָלקן און שײַן.

ווי וואָלט איך צעשטויסן אף אש מײַן געוויין —
אומעטום זייען, אומעטום זײַן,
זיך טיילן מיט אלעמענס פריידן און פײַן.

א גאנצענעם טאָג האָט די שטאָלענע פליג
אין מײַן אײַזן־געדולד אלץ געבויערט, געפיקט.

1927

די פישערן

ווען איך האָב מײַן היים, מײַן שווימענדן אינדזל פאַרלאָזט
און באַטראַכטן דעם האַרטן דעם גאָלדענעם ברעג, —
האָב איך אין יעדערנס אויגן באַגעגנט
אַ נאָענטן גרוס,
און יעדער ט׳מיט פריידיקן נײַגער מײַן נאָמען געפרעגט.

און די פישערן בלויז,
מײַן געוואַרעמטע שלאַנג,
איז צו מיר ניט אַרויס, —
ניט דערפרייט, ניט באַגריסט;
די פישערן מײַנע,
וואָס האָט מיך געפאַנגען
באַם גאָלדענעם ברעג,
איז צו מיר ניט אַרויס.
טאָ ווו און צו וועמען
זאָל איך זיך ווענדן
מיט גליענדן קופער — מײַן לוסט,
ווען איך האָב מײַן היים,
מײַן שווימענדן אינדזל פאַרלאָזן.

1927

מאטליאָט

ווען קאַלט און גרוי ווערט אומענדלעכער לויף
אין הייסער יאָכט נאָך האפן און נאָך שטאָט, —

מיר קלײַבן זיך אַף אויבערדעק צונויף
און טאַנצן אויס דעם יאָמערשן מאַטליאָט.

ווערט יעדע פּוס אַ קלינגענדיקע צונג
אין הויזן־גלעקער רונדע פונעם קליאָש

און הילכיק ווערט די פרייד און זאָרגלאָז יונג,
ווי ניט געצוימטער וואַסערפאַל צעפלאָסן.

און לויז ווערט אונדזער גאַנצער טאַקעלאַזש[1]
פון האָפערדיקן יאָמערשן באַראָט

אין העל צעפלאַקערט שוימיקן עקסטאַז
פון אימפּעטפולן לוסטיקן מאַטליאָט.

ווען „איינזאַם" שטייט, ווי הענקער מיטן „שלייף"
און גיפטיקט אונדז מיט צווייפל און מיט שפּאָט...

---

[1] טאַקעלאַזש — שטריק־מאַכשירים.

*ו

מיר קלײַבן זיך אַף אויבערדעק צונויף
און טאנצן אויס דעם יאמערשן מאטליאַט.

און שלאָגן אויס מיט קלאפּנדיקע טריט
א הייסן האָגל אַף זײַן גרויען קאָפּ,

און שווערע ווייטעק־שטיינער פון געמיט
עס קוילערן זיך לײַכט אזוי אראָפּ.

און צווייפל־פראָסט צעשמעלצט זיך ווי א שניי
און בונטן גלי פון יאמערישן טראָט,

און קלאָר ווערט אונדז און פרײַ ווערט אונדז אזוי,
ווען ס׳טאנצט זיך אויס דער לוסטיקער מאטליאָט.

1927

צופלוס

דעם לעצטן מאָל האָט יאם צעוויגט זײַן בלויען קארק
אין גליוועֵר קאלט צעשפיגלט אין א „שטיל״,

ס׳איז לעצטער וואָלקן־בער פארקראָכן הינטער בארג
און הימל האָט מיט קילן ווי צעשפילט.

שוועבט אף דורכזיכטיקן גלאט א שארפע שיף
מיט שראמען קריגערישע אף לײַב, מיט וונדן טיפע, —

מיט פליגלען־לײַוונטן געלעכערטע פון ווינט,
מיט פראָסט מיט זאלציקן באזילבערט און פארשפינט.

און יאמער בלאָנדזען הין און הער אף אויבערדעק,
און מידע גלידער הענגען ארבעטסלאָז אין רו,

נאָך לאנגן שטורעם־גאנג ווי פריידיק איז דער ברעג,
וואָס איז פארבאָרגן הינטער נעפלדיקן גראָ.

שרײַט באם „ווײַט־מעסטער״ דער „זעער״: ערד!
און רופט די מידע ברודערשאפט צונויף:

עס ענדיקט זיך שוין אונדזער וועג דער שווערער,
מיט ערד־געררוך איז שוין פארזאפט די לופט!

אף לאנג און ווײַט פארטריבן איז דער פײַנט
אין ראנגלערײַ פון שטורעמדיקע טעג...

מיט זיכערקײַט, מיט ליבע און מיט ווײַן
עס ווארט אף אונדז דער פרײַער הארטער ברעג.

איז דורך א הייסער ווינט פון הארץ צו הארץ
און האָט צעבלאָזן ראָזע פרייד בא אלעמען,

און איינער פאלט דעם צווייטן אפן האלדז
און ס׳קושן זיך, ווי ווײַבער, הארטע יאמער.

שווימט אן איינזאמע די שיף מיט זיג פארלאָדן
מיט יאמער מידע אפן אויבערדעק צעזייטע,

און נאָר דעלפינען שווארצע רינגלען אין א ראָד
און לויפן נאָך ווי ניט גערופענע באגלייטער.

שווימט אן אויסשרײַער א פלינקער אפן שוים פון בלויען צופלוס
און צעקלינגט א גרויסע בסורע בא די ברעגישע צופוסנס,

אז די יאמער, קריגער יאמער, קערן אום צוריק פון שלאכטן,
פול מיט רויב געפאקט די טריומען פון באזיגטן פײַנט פאראכטן.

לויפן אומזיניק דערפרייטע, זאָרגפולע און צארטע מוטערס,
פול מיט האָפענונג באנײַטע און מיט אומרויִקן ציטער —

צו די זין און צו די מענער,
צו די דרייסטע קריגער יאמער,

װעלכע האָבן שװערע יאָרן אױסגעזײט אַף גליװער־ברײטן
און אָצינדערט קערן װידער צו די הײמען די באַפרײַטע.

װערט דער ברעג געדיכט באַװאַקסן מיט אַ טומל און מיט
װײַבער
און מיט זקײנים „אַלטע יאַמער" און מיט קינדער — שװאַך
און צאַרטע,

װעמען צײַט האָט שטרענג באַפױלן אָפּן ברעג צו רו פֿאַרבלײַבן,
זיך מיט שאָף און רינד פֿאַרנעמען און מיט װײכער ערד
מיט שװאַרצער.

נאָר אָצינד, אין צײַט פֿון צופֿלוס, װער קען זיצן בײַ די שװעלן,
און אין רו פֿון שאָטן־בײמער אױסבאַהאַלטן זיך און קילן,
װער קען היטן שאָף און רינדער אַף די פֿעלדער די באַגרינטע,
װען עס קלינגט באַם ראַנד דער צופֿלוס, מיט אַן אָנזאָג מיט אַ העלן?

שטײט, מען פֿאַרגליװערט אין װאַרטן אין שװערן,
מיט אױגן צעשטערענגטע, מיט הענט אַף די שטערנס,
צו בלױער צו יאַמיקער שטילקײַט געװענדעט,
צו שיף, װעלכע שלײַכט אָפּן יאַמיקן שפּיגל
מיט טונקעלע שאָטנס פֿון פֿאַרוסן־פֿליגלען,
װאָס װאַקסט אַלץ נעענטער און נעענטער.

שטײט שױן אָפּן בריקל דער „װאַכט־מאַן" דער היטער
און שלײַדערט די „װאַרף־שטריק" מיט האַנט מיט געניטער.
און טױזנטער הענט אָפּן ברעג כאַפּן אױף,
און מיט פֿרײדיק געשרײ רײַסט זיך אופֿעט די לופֿט.

זײַט געגריסט, זײַט געגריסט, זײַט געגריסט!
אײַער אָנקום איז װױל, אײַער אָנקום איז זיס!
און עס װאַרט אײַך דער טרײַער, דער הײמישער שװעל,
אײַער אָנקום איז פֿרײד, אײַער אָנקום איז העל!

זײַט געגריסט, זײַט געגריסט, זײַט געגריסט, זײַט געגריסט...

. . . .

האָבן יאמער אין פריידן דערמאָנט און דערציילט
פון ביטערע וועגן, פון שטורמישער צײַט,
פון שיפן, וואָס זינקען צום אָפּגרונט, ווי שטערן,
פון גרויסער פארניכטונג, פון זיג איבער פײַנט.

האָבן ווײַבער געהאָרכט, האָבן ווײַבער געהערט,
און מיט ווײַבערשע טײַנעס די יאמער געשטערט:
— אָ, יאמער! קריגער דרייסטע!
איז וואָס ט׳איר אונדז געבראכט
פון שטורעם־גאנג פון הייסן,
פון גרויסן יאמיקן שלאכט?
מיר האָבן זיך געצאפּלט
מיט אונדזער קינד־און־קייט,
אין שפּין־נעצן אין שווארצע
פון שווערן הונגער־טויט.
איז ווו זײַנען די לאָגלען
פרעמדלענדישער ווײַן,
און פעסער גאָלד געלאָדענע,
און זײַדנס, וואָל און לײַן?
זאָל צופלוס אונדז באגליקן
פאר אומרויִקע טעג,
פאר יאָרן אונטערדריקטע
אף הארטן גרויען ברעג!
ענטפערן די יאמער:
— ווײַבער הארציקע!
ס׳איז גאָלד בא אונדז פאראנען
אין טיף פון שווארצער ערד,
מיט וואָל און ווייכן זײַדנס
זײַנען שאָף באוואקסן,
און פעלדער גיבן לײַנען,
און פעלדער גיבן פלאקסן,

און פעלדער גיבן ברויטן,
און ווײַנגערטענער — טרויבן...
און מי אונדזער באפרײַטע
וועט קיינער ניט בארויבן!!!

האָבן ווײַבער געהאָרכט, האָבן ווײַבער געהערט
און מיט ווײַבערשע טײַנעס שוין מער ניט געשטערט.

שטייט פארלאָזן די שיף און אָף אנקער פארשמידט,
און די פארוסן ליגן פארגליווערט און מיד.
פארגאן זײַנען יאמער אָף ברעגן אָף הארטע
מיט ווײַבער, מיט קינדער צו היימען געגארטע.

און לאנג נאָך און לאנג עכאָט אָפּעט דער ראנד
מיט רוישיקן צופלוס, מיט ווײַטן געזאנג.

1927

פישער־לידער

1

— טראָג אים אָפּ צוריק אהיים, דעם אָפּגעטל דעם דארן,
דעם פליכעוואטן קארליקל — דעם הייליקן מיקאָלקע.
ער וועט מיך ניט באשיצן, ניט באהיטן פון געפארן,
דער יאם וועט אים ניט הערן מער, דער יאם וועט אים ניט פאָלגן.

2

טראָג אים אָפּ אהיים צוריק, און זאָג דײַן אלטער מאמען:
— ניטאָ אים ווו צו לייגן און ניטאָ אים ווו צו שטעלן;
און טאָמער וואָלט נאָך זײַן פאר אים א ווינקל א געראמער,
וועט אים פאר א רײַזנדער מײַן ברודערשאפט ניט וועלן.

3

טראָג אים אָפּ צוריק אהיים און זאָג דײַן אלטן טאטן:
מיקאָלקע איז קיין שטורמאן ניט און איך בין ניט קיין „יונגע" —
און זאָל ער דאָרט ניט צאָרענען, וואָס איך האָב אים פאראטן,
וואָס איך האָב מײַן נעשאָמעלע דעם וואסער־שעד פארדונגען.

4

טראָג אים אָפּ אהיים צוריק אין פישער־דאָרף אין גרויען,
און זאָג די אלטע פישער אָן און זאָג, זיי זאָלן הערן,
אַז ווער עס וועט דעם אָפּגעטל זײַן פאַנג־שיפל פאַרטרויען,
ער וועט זיך צוריק אהיים פון יאַם שוין מער ניט קערן.

1927

* * *

פרײַנט פון שטורעם און פון שטיל,
פון זוניקע און גרויע שווים־טעג!
פילסט, עס ענדערט זיך די שפּיל,
עס ווערט שוין פריש אזוי און ווינטיק.

מיר שווימען אויס, מיר שווימען אײַן,
עס רינט די צײַט פון ברייטן האָרן.
עס קען ניט זײַן, עס קען ניט זײַן,
אז יאם זאָל גלײַכגילטיק ווען געבאָרן.

אין הייסער מי, אין קילער רו
שטענדיק גליִען מיר מיט נײַגער.
ס׳איז יאם ניט גראָ, ס׳איז יאם ניט גראָ,
און קיינמאָל קען דער יאם ניט שווײַגן.

עס שלאָגט שוין צו דער נײַנטער וואל
מיט ווינט, מיט וואסער־שטויב און ראש.
איז אָדער זיי, איז אָדער פאל,
נאָר שיף מוז גיין אין אבאָרדאזש.

עס וועלן וואלן — ווײַסע וועלף
אונדז פרווון צוימען דעם פארוואטער,

נאָר ס׳וועט ניט העלפֿן, ס׳וועט ניט העלפֿן,
ווײַל יאָמער ווערן ניט פֿאַרמאַטערט...

שלײַף און שײַער דײַן געווער
און רייניק אָפּ די זשאַווער־פֿלעקן,
עס וועלן יאָמער אין געפֿאַרן
זייער האַרטקײַט ניט צעבּרעקלען.

פֿרײַנט פֿון שטורעם און פֿון שטיל,
פֿון זוניקע און גרויע שווים־טעג!
פֿילסט, עס ענדערט זיך די שפּיל,
עס ווערט שוין פֿריש אַזוי און ווינטיק.

1927

* * *

איך ווייס ניט, ווּ עס דרייט דיך און עס פּלאָנטערט
דער ווײַסער שוים פון וואסערדיקן ראָד
אף ווײַסן יאם צי ערגעץ־ווּ דאָ נעענטער
אין א באקאנטער־אומבאקאנטער שטאָט.

איך ווייס ניט, ווי דו לעבסט און ווי פארברענגסטו,
צי ביסטו זאט א יעדן טאָג מיט ברויט,
צי גייסטו אום נאָך אלץ אזא פארבענקטע
אין שלעסער, וועלכע האָסט נאָך ניט דערבויט.

1927

פּאָלונדראָ![1]

עס גליִען די הייכן מיט שטערן
אין שפּיגלען אַף רויִקן רעיד —
ווו ביסטו, מײַן זיידע זשול־ווערן,
ווו ביסטו, מײַן גרויער מײַן־ריד?

די העלדישע מײַסעס פאַר קינדער
פאַר דרייסטע אזוינע, ווי איך,
האָט לויפנדע צײַט שוין פאַרענדערט,
האָט לויפנדע צײַט שוין פאַריכט.

עס ווימלען איצט נײַע פּיראַטן
אַף ערד און אַף יאַם־אָקעאַן,
וואָס האָבן שוין לענדער צעטראָטן
און פעלקער פאַרטריבן אין שפּאַן.

זיי לויערן, שלאַנקען אַף יאַמען,
אַף שיפן, ווי טורעמס געבויט,
און דראָען און דראָען אונדז אַלעמען
מיט צוימען פון קנעכטשאַפט און נויט.

---

[1] פּאָלונדראָ — היט זיך!

נאָר איינס אזא לאנד איז פאראנען
אין גרינס און אין שנייען געהילט,
וואָס האָט פון די ערשטע פארשטאנען,
וואָס האָט פון די ערשטע דערפילט —

די זוניקע פרייד פון באפרײַונג,
דעם אָנוווקס דעם זאטן פון קראפט,
וואָס האָט אזוי לאנגזאם געבראָיעט
אין טיפן פון דוירעס פארשקלאפט.

נאָר ווער קען שוין איצטער דערשרעקן
די זין פון דאָנבאס און אוראל,
וואָס רוישן אף ברעגלאָזע שטרעקעס
מיט מי פון א בויונג־אווראל?

ווײַל זוניק איז פרייד פון באפרײַונג
און רײַף איז דער אָנוווקס פון קראפט,
וואָס האָט אזוי לאנגזאם געבראָיעט
אין טיפן פון דוירעס פארשקלאפט.

1927

צווישן פישער

איך ווייס — דײַן מאמע האָט מיך האַלט ניט ווייניקער, ווי דיך,
דײַן טאטע ז׳אויך צו מיר געבייגט און פירט מיך אָפּט אין שענק,
שוין ניט איין נאכט האָב איך מיט אים אין רויטן ווײַן פארשווענקט
און נאָכדעם אים צוריק אהיים געפירט אפן בוקסיר.

מיט דײַן ברודער האָב איך אויך פארקניפּט פון לאנג אף לאנג
א ברודערשאפט א בלוטיקע פון יאמער אפן יאם.
מיר האָבן מיטן בלויען טויט זיך וויפל מאָל געראנגלט,
ווען אונדזער שיף, ווען אונדזער נעץ פלעגט גיין אין יאם אף פאנג.

עס איז מיר ליב דײַן שטוב, דײַן היים, וואָס בלייכט באם בלויען ראנד,
דער גלאטער נידעריקער ברעג, דער וויסטער פישער־פלאץ פלאך,
וווהין איך פלעג נאָך טעג פון מי פאראנקערן אף נאכט
און לייגן טריקענען מײַן נעץ אף גאָלד פון בלאָנדן זאמד.

נאָר ליבער נאָך פון אלץ ביסטו, מײַן איינזאמע פון ברעג,
מײַן גוטמוטיקע הערשערן פון אָרעמען ארום,
ווען עס באזינגען יונגע פישער פון סוכום
און טרוימערישע פאסטעכער פון גרין באגראָזטע בערג.

קום ארויס, איך גלי דאָ און איך גליווער,
איך שטיי באם ברעג דאָ איינינקער אליין

און וואַרט אױף דיר, מײַן פֿישערן מײַן ליבע.
מיט פֿאַרוסן פֿון אױסגעבלײכטן לײַן.

קום אַרױס, ביזװאַן דער הײסער צופֿלוס
שטײט נאָך הױך באַם דורשטנדיקן ברעג,
ביזװאַן באַ אונדזער בלײַענדן צופֿוסנס
בליט נאָך אונדזער בלוטיקער פֿאַרמעג.

קום אַרױס, דערפֿרײ מיך און באַרויִק —
עס װאַרט אױף אונדז אַן אָפֿענער דער יאַם.
עס װעט די װײַט זײַן זיכערער און בלױער,
װען מירן בײדע אָפּשװימען צוזאַמען.

אין גרינער טיף, אין שװערער קלאָרקײַט
װעל איך אַ נעץ פֿאַרװאַרפֿן אַ גערױמע,
װעט אונדזער פֿאַנג דער זילבערנער זיך מערן,
װעט אונדזער נעץ מיט זילבער זיך צעשױמען.

קום אַרױס, איך גלי דאָ און איך גליװער,
איך שטײ באַם ברעג דאָ אײנזיקער אַלײן,
איך װאַרט אױף דיר, מײַן פֿישערן, מײַן ליבע
מיט פֿאַרוסן פֿון אױסגעבלײכטן לײַן.

1928

אָפּגאנג

מײַן שארפע שיף האָט שיקער זיך פארכלינעט,
מיט אומגעדולד פארציטערט האָט דער ראנד.
דער צופלוס גייט א רײַכער און א גרינער
און וועקט די לופט מיט שוימיקן געזאנג.

געגוג, געגוג בא אויסגעצערטע ברעגן
אף מיטווינטן אף הילפּיקע געווארט.
דער צופלוס גייט געלאָדן מיט באוועגונג
און טראָגט אונדז מי און פריידיקע געפאר.

טאָ זײַט געזונט, איר האָרעפּאשנע פישער,
און ביט דערמאָנט מײַן נאָמען דאָ צו בייז.
עס האָט שוין לאנג מײַן יוגנט זיך געריסן
צום האָריזאָנט אף ווינגדיקן שויס.

טאָ נעמט אײַך אָפּ די אָפּגעדינטע טכונע,
און נאט אײַך אָפּ די אָפּגעניצטע נעץ.
איך האָב א היים א נײַע זיך געפונען —
אף בלאָען יאם א שווימענדיקע נעסט.

מײַן שיף, מײַן שיף, מײַן שנײַדנדע און שלאנקע,
זי בלוטיקט שוין מיט אופגײיענדער זון,
און רײַסט זיך שוין פון הענגענדיקן אנקער,
וואָס האָט זיך פעסט פארפרעסן אינעם גרונט.

1929

אין פרײַלאַנד

ראַדיאָ

װינטן ראַצכים, ראַנגלט זיך, ראַנגלט
מיט געטרײַען רינגל אַפן טױער,
און איך װעל אַף שנירל פון קלאַנגען
אופהענגען הײַנט מײַן אױער.

א. קושנירעװ

איך האָב אַ צינד געטאָן די הונדערט פלאַמען,
עס האָט מיט מילך צעגאָסן זיך די ליכט,
און װידער זײַנען מיר שױן דאָ צוזאַמען —
דאַמף־באַהײצונג, ראַדיאָ און איך.

עס שמעקט מיט היים, מיט רו, מיט װינטער־אָװנט,
אַף שװאַרצער שױב בליט אומשולדיק דער פראָסט
און מאָלט אַ װאַלד אַן אוראַלטן, אַ גראָװן,
און טיף אין װאַלד אַ טיף פאַרלאָזטן שלאָס.

װעל איך שױן הײַנט אין ערגעץ זיך ניט שלעפּן,
און קײנער װעט ניט קומען דאָ צוגאַסט,

א ווילדער ווינט פון ווײַטע, וויסטע סטעפּעס
דרייט זיך אום א היימלאָזער אין גאס.

איך האָב אף זעקסטן גאָרן מײַן אנטענע —
א שלאנקער מאסטבוים אף א שטאָלצער שיף,
בין איך שוין הײַנט באזאָרגט מיט העלע טענער,
וואָס שווימען אום אף רונדע וואלן לופט.

איך נעם אראָפּ פון וואנט מײַן צויבער־טרײַבל
און גיב דעם „אײַנשליסער" א דריי, א פיר,
און ס׳הייבט זיך אָן ארום אנטענע קלײַבן
ווייכע קלאנגען פונעם יאם־עפיר.

וועל איך א גאנצע נאכט דאָ זיצן, הערן
דעם גלאטן ראכוועסדיקן, ווייכן באס —
אללאָ, אללאָ!! עס רעדט דער „קאָמינטערן"!
אללאָ, אללאָ! איך גיב איצט איבער „טאסס".

1928

אפן גליטש

אוועקגעיאָגט א טאָג אן אָנגעיאָכטן אייזל
מיט שווערע זעקלעך מי, מיט פולע פעלן שווייס, —
דאָס היטל אף א זײַט, פאַריסן הויך די הויזן,
און, פײַפנדיק א ליד, א פריילעכער ארויס.

באגעגנט האָט די גאס א שנייזקע, א פרישע,
פון דאָרעם האָט א ווינט א ווארעמער געווייט,
און לײַכטזיניק געזוכט מיט זוניקע גערוסן,
מיט דופטגדיקער לופט פון אופגעבליטער ווײַט.

א טומלדיקער שטראָם, א האסטיקער, א בונטער
האָט דורשטיק מיך פארזויפט, פארשלונגען ביזן האלדז,
א גאָלדענער טראמוויַ איז זינגענדיק און מונטער
געשוומען ווי א שיף אין זילבערנעם קאנאל.

דער נאָענטער בולוואר אן אײַזיקער, א ברייטער
האָט שרײַענדיק און צארט מיט פײַערן געשפריצט, —
א וויגנדיקער מארש פון מעשענע טרומייטערס
האָט ווארפנדיק א שלייף פארצויגן אפן גליטש.

עס מאכט ניט אויס, וואָס איך בין אָקאָרשט פון דער ארבעט, —
און צײַט איז נאָך גענוג, און קויעך איז נאָך מער!

א שמיץ געטאָן דעם פעלץ, פארקאשערט מײַנע ארבל
און אײַנגעשפאנט די פיס אין שארף געשמידטע פערד.

דער שפיגלדיקער גלאט איז דורכזיכטיק געשליפן,
און יעדערער פון אונדז א פאָר אויס אפן ווינט, —
מיר טראָגן זיך פארבײַ ווי שווימענדיקע שיפן,
און יאָגן זיך אהער און שנײַדן זיך אהין!

מיר האָבן זיך ווי יונגע פערדעלעך געמונטערט, —
און צײַט איז נאָך גענוג, און קויעך איז נאָך מער,
און גרינג איז מיר אזוי מײַן פערטעלע יאָרהונדערט,
און ליב איז מיר אזוי מײַן אויסגעשפרייטע ערד!

איז וואָס איז דאָ דאָס בייז, וואָס מאָרגן צו דער ארבעט
באדארף איך אופשטיין פרי און פאָרן אזא העק?
פון שלאָפן ווערט מען פוילער, בלוט־אָרעמער און צארטער —
און איך וועל הײַנט מײַן פרייד דערטרינקען ביזן דעק.

1928

אין אורלויב

דעם כ׳ לויצקער

אוועקגעגעבן דעם בריגאדיר מײַן רונדן נומער,
אוועקגעגעבן דאָס שווערע פּעקל מיט געצײַג!
אין דער קאָנטאָר האָב איך שוין אורלויב מיר גענומען
מיט א פּארמעגן אף א גאנצן מאָנאט צײַט.

איך האָב זיך גלײַך געלאָזן לויפן אין „דינאמאָ״
און אײַנגעהאנדלט לינדע לאטשן צו די פיס,
א דיסק אן אײַזערנעם, א שטרויענע פּאנאמע,
א העמד א שיטערעס, וואָס טויג אף כאפּן פיש.

אין קורצע הייזעלעך פון גרינינקער סאטינע,
וואָס קוים זיי ציִען ביז די קנאָכן פון די קני:
מע זאָגט, אז הייזעלעך אזוינע איז אין כינע
א גרויסע צירונג בא די אָרעמע קולי.

נאָר וווּ, אווו זײַט איר, די זומערדיקע פריידן?
איר, טעג באגילדעטע מיט זוניקײַט און בראנד?
שוין וויפל טעג איך קלײַב זיך אָנטאָן לײַכטע קליידער,
און מוז זיי ווידער לאָזן הענגען אף דער וואנט!

עס קריכן אויסגאנגען, פארכמארעט און פארצאָרנט,
געוועבט מיט וואָלקנס, און מיט רעגנס, און מיט ווינט,
און גלײַך דער הימל וואָלט א יעדן טאָג געבאָרן
א ניט דערטראָגענעם, טובערקוליאָזן קינד.

איז ווו זאָל איך זיך מיט מײַן אויצער איצט אהינטאָן,
מיט מײַנע אכט און צוואנציק רונדינקע מעסלעסן,
ווען היגער זומער ז׳גאָר אן אָפּקלאנג פונעם ווינטער,
און הימל האלט די רויטע זון אף זיבן שלעסער?

— אָ, גיט מיר גיכער א קארעטע, א קארעטע
און א פּלאצקארט אין א וואגאָן פון הארטן קלאס!
כ׳רײַז אָפּ אהין, ווו זון איז ניט אזוי פארעטעריש,
ווו מענטשן קענען זיך נאָך גליִען אף א פּליאזש!

באם ווײַסן שוים פון שווארצן יאם אף בלאָנדע זאמדן,
ווו העלע זון איז אומדערבארעמדיק און מילד,
וועל איך מײַן העלע הויט אין קופּער דאָרט פארוואנדלען
און בלוט און אָדערן צעטרײַבן אין א שפּיל...

1928

א שליסל צו א טיר

גאסן פליסן מיר אנטקעגן,
הײַזער הויערן פאר מיר —
איך האָב שליסלען צוויי געקראָגן,
צו א טויער, צו א טיר.

ווילט זיך טומלען און בארימען
און דערציילן קליין און גרויס:
כ'האָב באקומען הײַנט א צימער
אין א שפּאָגל־נײַעם הויז.

בין איך שיקער אָדער ניכטער
אָדער טרוים איך אפן וואָר?
איך האָב נעכטן נאָך גענעכטיקט
אין א קאלטן קאָרידאָר,

און מיט הייסן לײַב געווארעמט
דעם פארפראָרענעם צעמענט,
און צוקאָפּנס — קישנס דארע —
צוויי פארהאָרעוועטע הענט.

לויף איך אומעט, ווי אַ זיגער,
גאס ארויס און גאס ארײַן, —

כ׳בין א היגער, כ׳בין א היגער,
שטאָט איז מײַן, און אַלץ איז מײַן!

מעג שוין קנאַקן בייזער ווינטער
און זיך רײַסן פון דער הויט, —
ס׳איז דאָס ערגסטע שוין אַהינטער,
און פאַרויס איז בלויזע פרייד.

יאָג ניט, טראָג זיך ניט, קאָנדוקטאָר,
שטעל מיר אָפּעט דײַן טראַמווײַ,
„בירגער ווירדיקע, וואָס קוקט איר?
מאַכט אַן ערטעלע מיר פרײַ!

רוקט זיך, האָט ניט קיין פאַריבל,
ס׳איז פון פאָרנט נאָך געררוים, —
בירגער ווירדיקע און ליבע,
לאָזט, איך פאָר צו זיך אַהיים״.

גוט איז צו פאַרמאָגן, ברידער,
א באַזונדערע קוואַרטיר,
מיט א טיש אַף שרײַבן לידער,
מיט א שליסל צו א טיר!

1934

ליד פון שניטער

איבער פעלדער, איבער פעלדער די צעבליטע
גייען רייען שניטער, רייען, רייען שניטער.
פון די פעלדער, פון די פעלדער קלאָרע
מיר פירן ווייץ, מיר פירן קאָרן אַף צעמאָלן,
מיר פירן ווייץ, מיר פירן קאָרן אַף צעמאָלן
צו דעם גרויסן עלעוואַטער, עלעוואַטער
מיט א בונטן פאָנען־פלאַטער, פאָנען־פלאַטער...

* * *

צו אונדזערע פרײַנט
װעגן אונדזערע פײַנט.

אונדזער לאַנד האָט זיך צעכוואַליעט
מיט א מונטערן געראַוש,
צו דעם יאָמטעװ פון די װאַלן
גרייט זיך פריילעך קליין און גרויס.

אין די שטעט, אין די קאָלווירטן,
אפן שיף און אפן באַן —
אונדזער פאָלק ווײלט שטאָלץ און ווירדיק
זײַנע בעסטע זין פון לאַנד.

גוט איז הײַנט אין פרייד דערמאָנען,
ווי עס האָט געלעבט אמאָל
אין די ייִדישע קאָלאָניעס
אונדזער האָרעפּאַשנע פאָלק.

ס׳איז די שײַן געוועזן פאַרשטעלט אים,
ניט קיין פרײַהײַט, ניט קיין רעכט.
ס׳האָט דער צאַר אױף אים געוועלטיקט,
ס׳האָט דער פּאָרעץ אים פאַרקנעכט.

אָט דער פּראַנט אין ווײַסן קיטעל —
פון דעם קאַנט דער פּאַפּעטשיטעל —
איז געזעסן פעסט און שטאַרק
דער קאַלאָניע אַפן קאַרק.

ער פלעגט קומען ווי א כמאַרע
און געוועלטיקן ווי פּאַרע,
און געוואָלט האָט ער, דער האַר,
מע זאָל שטעקן אים אין יאַר.

האָט ער זיך געהאַט א טרופּע —
זײַנע שולצן פלעגט ער רופן;
שטיל ארויסלאָזן א גזאַר,
מע זאָל טראָגן אים כאַבאַר.

איז די ראַטנמאַכט געקומען,
פאַרן קיטל אים גענומען
און פאַרשלײַדערט מיט טראַסק,
ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

באַם אוריאַדניק בא דעם שיקער,
בא דעם בייזן אונטערדריקער
האָט געפּאַכעט נאַכאַנאַנד
די נאַהײַקע אין דער האַנט,

ווי א שפּיר־הונט א געניטער
פלעגט ער נישטערן און היטן,
בלויז קראַמאַלע, בלויז א בונט
פלעגט זיך כאַלעמען דעם הונט.

ס'האָט פון אים דער אָרעמפּויער
א פאַרפּײַניקטער געוויינט,

איז געקומען ראטנמאכט
און פון אים א טעל געמאכט.

פאר דעם שולץ — איר קוקט אים אָנעט —
האָט געציטערט די קאָלאָניע.
סײַ אין גאס, אין פעלד, אין שול
איז דער שולץ געווען פול.

ער פלעגט פּאָדאטן פארשרײַבן
און פון שטאַל די קו פארטרײַבן,
ס׳האָט דער שולץ זיך ניט געשעמט
אָפּשרײַבן דאָס לעצטע העמד.

מיט א טומל, מיט געשרייען —
אומעטום געשפילט די דייע,
און געווען איז זײַן באַרוף:
דינען נאָר דעם באַלעגוף.

דער באַלעגוף דער עקספּלואַטאַטאָר
האָט דעם פויער אויסגעמאטערט:
פארן לײַען אים א פערד
פלעגט ער אָפּנעמען זײַן ערד.

צי מיט בייזן, צי מיט גוטן,
ער פלעגט אויסזויגן די בלוטן,
און דער אָרעמקײַט גענויט
אף אים האָרעווען ביז טויט.

ס׳האָט די קאָלעקטיוויזאַציע
אים געערגזנרט ביז צום פּלאַצן,
האָט ער אונדזער פּי געטויט
און פון קונס געברענט דאָס ברויט.

נאָר ניט לאנג האָט ער געדויערט, —
פון קאָלווירט האָט אים דער פויער
ווי א בייזן וויסטן סאם
אפּן מיסט ארויסגעראמט.

אפן מיסט איז ער געוואָרן
ווייך און גליטשיק ווי א וואָרעם,
מיט א מינע פון א פרײַנט
קריכט ער דיר אין הארץ ארײַן.

אָט־אָ איז ער, קוקט אים אָנעט,
אַף זײַן האָניקדיקן פּאָנעם
הונדערט פאלשע הויטן;
היט אים — ניט געטרויט אים.

דאָס איז ער, דער ראָוו דער היגער,
אפן קארק פלעגט ער אונדז ליגן,
פלעגט פארסאמען אונדז די לופט,
ווי דער שולץ און באַלעגוף.

אומעטום געשפּילט א ראָליע,
און אין אלץ פלעגט ער זיך מישן,
האָט געהאלטן מאָנאָפּאָליע
און פלעגט רײַסן פעטע ביסנס.

גאָט געדינט ווי א פארמיטלער
און געפילט זיך גאנץ געמיטלעך,
„פרום" און „ערלעך" ט'ער געלעבט —
פון טויט און לעבעדיק געשלעפּט.

איצטער לעבן מיר אָן זיי שוין,
ווײַל זיי זײַנען אין מוזיי שוין,

ס׳איז דאָס דאָרף געוואָרן פרײַ,
ווי געבוירן אפּדאָסנײַ.

אויס כאלאָקימלעך און מעזשעס —
דאָס איז אלץ אמאָל געוועזן,
איצט איז אונדזער ערד געראַם,
ברייט און ברעגלאָז, ווי דער יאַם.

די קאָמבײַנען, ווי די שיפן,
שווימען אין דעם ווייץ דעם טיפן.
און די טראַקטאָרן נאָך זיי
אַקערן צו דעם פּאַרזיי.

אין קאָלווירטן אַף די פעלדער
אונדזער פאָלק עס אַרבעט העלדיש,
ווײַל אין גאַנצן לאַנד די ערד
נאָר דעם פאָלק אליין געהערט.

מיר אליין די באַלעבאַטים
ווײלן אויסעט אין די ראַטן
פון דעם פאָלק די בעסטע זין,
וועלכע האָבן דאָס פאַרדינט:

קאָמבײַניאָרן, טראַקטאָריסטן,
פּראָפעסאָרן און אַרטיסטן,
פון זאַוואָד דעם בריגאַדיר
און דעם רויטן קאָמאַנדיר.

זיי, די בעסטע, מיר געטרויען
אונדזער לאַנד און אונדזער בויונג,
אונדזער רײַכקײַט, אונדזער זעט,
די קאָלווירטן און די שטעט.

1939

קאָלווירטישע ווינטשעוואַניעס

איַי, קאָלווירטניקעס געטריַיע,
זאָלט איר לעבן לאַנגע יאָר,
זאָל אין שײַער אײַך ניט סטײַען
פאַרן קאָרן מער קיין אָרט...

איר זאָלט רײַך זײַן און פאַרמאָגן
פעטע רינדער, פעטע שאָף,
יעדער הינדל זאָל אײַך טראָגן
פרישע אייער פערציק שאָק;

מילך און האָניק זאָל דאָ רינען
אָן א מאָס און אָן א ברעג,
יעדן יאָר זאָלט איר פאַרדינען
הונדערט טויזנט ארבעטסטעג;

זאָלן זײַן די פעסער פולע
מיט א שפּילנדיקן װײַן,
אויף יאָמטויווים זאָל מען הוליען —
טרינקען, וויפל ס׳וועט אַרײַן.

זאָלן זײַן די זין געזונטע
און געראָטן ווי די וועלט,

אף דער ארבעט ווײַזן וווּנדער
סײַ אין שטאָט און סײַ אין פעלד.

זאָלן זײַן בא אײַך די טעכטער
אי געראָטן, אי אויך שיין,
און כאסאנים קריגן רעכטע,
ווי זיי ווינטשן זיך אליין.

זאָל געראָטן זײַן דער קאָרן,
און זאָל רײַך זײַן דער קאָלווירט,
און אף סימכעס זאָל מען פאָרן,
און זיך פרייען אָן א שיר.

— איר זאָלט אונדז נאָר ניט פארגעסן
אפן מאָלצײַט רופט אונדז אויך.
מירן טרינקען, מירן עסן,
אז ס׳וועט, ברידער, גיין א רויך!

[illegible]

פּיאָנערישער סאַליוט

(פון א פּאָעמע)

בא דעם ראַנד פון יאַם דעם שוואַרצן,
ווו עס וויגן זיך די כוואַליעס
הינטער פעלדזן, וועלכע שטאַרצן,
זינקט אין גרינס א ווײַסער פּאַלאַץ.
אַרום פּאַלאַץ שטייען היטער —
שאַרף פאַרשפּיצטע קיפּאַריסן,
שלאַנקע טאָפּאָלן צעבליטע
ציִען זיך אין הייך פאַרריסן.
און אף גרין־באַזוּנטע בייטן
בליִען בלומען, בונטע קווייטן,
הינטער מאָך־שטיינער פאַרשטעלטע
זינגען קרענעצעס צעקוועלטע.
קוואַקען זשאַבעס טונקל־גרינע,
שפּילן גרילן, זשומען בינען.
און אין הייך פון פויגלען ווילדע
שטייט א פריילעכער געפּילדער.
אין דעם פּאַלאַץ דעם געררוימען,
אין די קילע שטילע זאַלן —
ניט קיין בלייכע פּרינצן טרוימען,

ניט קיין ריטער־האָרנס פאלן.
אין דעם פאלאץ דעם באזונטן
רועז מונטערע, געזונטע
הונדערט יאטן — פּיאָנערן
פון סאראטאָוו און פון פערם,
פון דער וואָלגע און פון טולע.
פון פארבאנד פון אלע ווינקלען
יונגע שלאָגלער פון די שולן,
יאטן קרעפּטיקע און פלינקע,
נײַגעריקע אלץ צו וויסן,
אלץ באנעמען און באגרײַפן,
און צו יעדער סאָד א שליסל
זיך דערקלײַבן מיטן שרײַפל.
הונדערט רירעוודיקע יאטן,
שפּורן־שפּירער און יונגאטשן,
וועלכע ווייסן די באדײַטונג
פון דעם פויגל־פלי דעם ווײַטן;
וועלכע ווייסן אלע גאנגען
צו דער כײַע אין דער נאָרע,
צו די נעסטן פון די שלאנגען,
צו דעם גריבעלע פון וואָרעם;
וועלכע זאָגן פאָר דעם וועטער
לויטן שפּרינגען פונעם דרעסל,
לויטן רוישן פון די בלעטער,
לויטן טוי, וואָס אפן גרעזל, —
הונדערט יאטן — פּיאָנערן,
דרייסטע צוטראכטערס און מײַסטערס,
וועלכע קאָנען ווי געהעריק
לויט דער טעכניקע דער נײַסטער
בויען כיטרע מאכערײַקעס —
לופט־פלאנערן, שווערע טאנקעס,
פון קאָנסערוון־בלעך און הײַקעס,
פון פאנערן און פון פלאנקעס

גרינע אוויִא־אפּאַראַטן
און טשיקאַווע סטראַטאָסטאַטן.
אַף אַ ריס טאָן זיך און טויכן
אין די קילע שטילע הויכן,
אין דער בלויער סטראַטאָספערע,
צו די הויערנדע שטערן...

. . . .

יעדן ליכטיקן באַגינען
מיט די ערשטע קלאָרע שטראַלן
גייט אַרויס דער האָרן־שאַלער
אַפן זאַמל־פּלאַץ דעם גרינעם.
הויך און הילכיק און צעצויגן
פאַלט און פאַלט זיַין גרינגער האָרן:
— היי, וואַכט אויף, ריַיסט אויף די אויגן,
ס׳איז אַ יונגער טאָג געבוירן!
קומט אין רינגען און אין רייען
מיטן יונגן טאָג זיך פרייען.
קומט אַרויסעט אים באַגריסן
מיט זיַין ליבן העלן אָנקום
אַף די פעלדער אַף די פרישע,
אַף די ווייך־געבעטע לאָנקעס. —
און אין רייען קומען אָנעט
אַפן רוף פון גרינגן האָרן
פערצן רינגען — פיר קאָלאָנעס —
מיט די רינג־פירער פון פאָרנט.
שטייען זיי, די פּיאָנערן,
אין די רייען, אין די רינגען,
קלערן פיַיערלעך און ערנסט,
וואָס וועט אונדז דער טאָג היַינט ברענגען?..
פלוצלינג ריַיסט זיך אויף דער לאַגער
פון דער שטילקיַיט דער פאַרטראַכטער:
— פּיאָנערן, אַפן פלאַג־הויב!
— צום סאַליוט זיך שטעלן! אַכטונג!

און דער האָרן הייבט דעם רוקן,
און דער פּויק נעמט שיטן שרויטן,
און אין הויכן פליט ארומעט
אפֿן בלאָק דער פלאַג דער רויטער.
און די הונדערט פּיאָנערן
אין די רינגען און קאָלאָנעס
סאליוטירן ווי געהעריק:
אָט דעם טאָג, וואָס קומט איצט אָנעט,
און דעם הימל, און די וואָלקנס,
און דער ערד דער ווייך־באגרינטער,
און דעם יאַם, וואָס ליגט צעקאָלטנט,
און די ווייכע לינדע ווינטן,
און דעם פישער, וועלכער רודערט
נאָך זײַן נעץ, וואָס פון באנאכט ליגט;
און דעם יאמער, וועלכער רוט דאָרט
נאָך דער שטאָרעמדיקער וואכטע,
און דעם היטער פון באשטאנעס
אין דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט,
און די בערגיקע טשאבאנעס,
וועלכע פאשען די קאָלווירטשאפט;
דעם געניטן טראקטאָריסט,
און אפֿן בריקל דעם קאָמבײַנער,
און דעם ווײַנער, וואָס פארמישט
אין קילן קעלטער יונגע ווײַנען;
און דעם אָנלאָדער אין האפן
בא דער שיף, וואָס איז דערשינען,
און די ארבעטער, וואָס שאפן
אין זאוואָדן בא מאשינען;
אין דער לופט דעם רויטן פליִער,
און די ארץ־גרעבער אין שאכטעס,
אף דער וואך דעם רויטארמייער,
בא דער גרענעץ וואָס גיט אכטונג;
און דעם שנעל־צוג, וואָס פארשווינדט דאָרט

אין טונעל, אין פעלדז אין הארטן;
און דעם פּאָרשער, וועלכער ווינטערט
אין דער בלוי־פּארטראַכטער אַרקטיק, —
אַלעמען באַגריסט דער לאַגער
אינעם פּײַערלעכן פלאַג־הויב,
מיטן שאַלנדיקן האָרן,
מיטן פלאַג, וואָס פּאָכט פון אויבן.
— אַ גוט־מאָרגן! אַ גוט־מאָרגן!
ס׳האָט דער טאָג זיך אָנגעהויבן.

בוינע

ווי אליאָנעס מאן געווען איז אפן בוינע דער געזינטסטער,
האָט אן עקסעלע א יונגער אָפּגעשטויסן אים די לונגען,
ליגט ער איצטער א געליימטער אין א ווינקל אין דער פינצטער,
ווילן הענטעלעך ניט רירן זיך, און פיסעלעך ניט אומגיין.

האָט די ערשטע צײַט אליאָנע איבער אים אזוי געוואָיעט,
און געהאלדזט אים און געווארעמט, און געקושט די קאלטע גלידער.
נאָר דער מאן איז אלץ געלעגן ניט באוועגלעך, ווי א מויער,
ביז דערעסן איז אליאָנען און געוואָרן איז דערווידער.

האָט זי גלײַך, ווי א סאָלדאטקע, זיך פארדרייט און זיך פארהוליעט
מיט די שלעגער מיט די יונגע, אירע לאנדסלײַט די ריאזאנער.
ס'איז אליאָנע נאָך א יונגע, און א גלאטע, און א פולע,
און די בעסטע פון די ווײַבער אין דער זיבעטער קאזארמע.

ווי מע האָט באקומען סכירעס אין פארכאסמעטע קאָנווערטן,
אין פּאַפּירענע טשערוואָנצעס און אין קלינגענדיקן זילבער,
איז ארויסגעגאן צום טויערל אליאָנע זיך דערווארטן
און באגעגענען די שלעגער, אירע פרײַנטעלעך די מילדע.

זײַנען פרײַנטעלעך געקומען אין א טומלדיקער בראיע
און מיט טולער באלאלײַקעס און מיט גלאנציקע טאליאנקעס

און אין פעלצעלעך געפּאַרבטע, אין געזײַערטע און נײַע
און אין יעגערשע שטיוואַלעס, אין געשמידטע און אין לאַנגע.

וואַסקע־פּליאַס, דער ווערטל־שיטער און דער פירער פון דער בראַיע,
איז געגאַנגען פון די ערשטע מיט אַ לידל אַ פאַרשײַטע,
און נאָך אים — די יונגע שלעגער און מיט שיקערע געשרייען
און מיט לידעלעך מיט דאָרפישע, געמונטערטע און ברייטע.

הוליע, הוליע, הוליע, הוליע,
ס׳איז נאָך געלט פאַראַן אַפּולע,
ס׳איז אַפּולע געלט פאַראַנען
בײַ די לוסטיקע ריאַזאַנער,

און אין קרעמעלעך בײַ קרעמער
סאַמאַהאָנע פולע עמער,
פולע עמער סאַמאַהאָנע,
קום און נעם און גיס זיך אָנעט.

ווער צעטראָגן, פערד־און־וואָגן,
מיט די רעדעלעך צוזאַמען,
מירן ווי־ניט־איז דעריאָגן,
מירן ווי־ניט־איז דערשפּאַנען!

מירן ווי־ניט־איז דערשפּאַנען
אויף אַ פּאָר אַעראָפּלאַנען,
און אין ערגעץ ניט פאַרפעלן,
און אין ערגעץ ניט פאַרזאַמען.

הוליע, הוליע, הוליע, הוליע,
און צעקלינג אויף אַלע וועגן —
מע זאָל הערן אַזש אין טולע,
ווי עס הוליענען די שלעגער.

הוליע הײַנט און הוליע מאָרגן
און אַף גרייטן און אַף באָרגן,
הוליע, אַלע זאָלן הערן,
מירן אָרעמער ניט ווערן!

היי, מיטײַ, מיטײַ, מיטיוכעו!
נעם צעפּיר מיט ווײַן די יוכע,
ווּעסטו לוסטיקײַט דערשפּירן
אין דײַן ברוסט, אין די געהירן,

מוידן, מיידעלעך — אהערצו!
פּוצט זיך אויס אין סאראַפאַנעס,
לויפט באַרויִקן די הערצער
מיט די יונגעלעך ריאַזאַנער.

האָבן נײַגעריקע ווײַבער פון דער זיבעטער קאַזאַרמע
גיכער אופגעפּראַלט די פענצטער און פאַרבויגן זיך אין דרויסן.
און מיט אייגעלעך מיט פײַכטע זיך פאַרקוקט אַף די ריאַזאַנער
און פאַרויסגעזאָגט, אַז טרעפן וועט אַן אומגליק הײַנט א גרויסער,

וועט אַן אומגליק הײַנט א גרויסער מיט אַליאָנען דער הולטײַקע.
וואָס האָט ווי א צויג א יונגע זיך פאַרדרייט מיט אַלע כלאָפּעס
און האָט אופגעהערט צו קוקן און האָט אופגעהערט צו דײַגען
וועגן מאַן אירן דעם קראַנקן און דעם אומגליקלעכן סטיאָפּען.

נאָר אַף גאַנעקל געשטאַנען איז א לוסטיקע אַליאָנע
און די הענטעלעך פאַרלייגט אַף די וויגנדיקע ברוסטן,
און א ראָזע און א שטײַפע, ווי אַן עפּל אַן אַנטאָנער,
און א יונגע, א צעבליטע, און מיט אַלעמען געגריסט זיך:

— ברויט און זאַלץ און פאַרגעניגן אײַך, געערטע מײַנע
לאַנדסלײַט, —

האָט זי גאַסטפֿרײַנטלעך און האַרציק אירע פֿרײַנטעלעך באַגעגנט.
און מיט זינגענדיקע גלידער און מיט אויגן פֿײַכט־צעגלאַנצטע
זיי פֿאַרפֿירט צו זיך אין צימער, אירע פֿרײַנטעלעך די שלעגער.

און אין צימער איז געלעגן אַ פֿאַרוקטער אין אַ ווינקל,
מיט אַ פֿאָרהענגל פֿאַרצויגן אונטער פֿינצטערע איקאָנעס,
אַ געליימטער און אַ שטילער, און אין טונקלקייט פֿאַרזונקען,
דער, פֿאַר וועמען ס׳האָט געציטערט נאָך ניט לאַנג אַזוי אַליאָנע.

האָט מען טיש און בענק צענומען און פֿאַרטראָגן אױפֿן בוידעם,
און די הילצערנע די דילן זײַנען זויבערע און גלאַנצן,
האָט געשיקט אַליאָנע רופֿן נאָך די כאַוועַרטעס די מוידן,
זאָלן קומען אין קאַזאַרמע אױף אַ טרינקעלע, אױף טאַנצן.

זײַנען מיידעלעך געפֿלויגן, ווי די באַבעלעך אױף פֿײַער,
און אין גרײַזעלעך פֿאַרגרײַזלט און באַהאַנגענע מיט סטענגעס,
און אין בונטע סאַראַפֿאַנעס און אין שיכעלעך אין נײַע
צו דער לוסטיקער אַליאָנען אױף אַ טענצעלע פֿאַרברענגען.

האָבן טולער באַלאַלײַקעס מיט אַ זילבערן געמורמל
זיך צעשאָטן אינדערלופֿטן, ווי מיט קײַקעלעך קאַרעלן,
און פֿון שנײַדיקע טאַליאַנקעס האָט פֿאַרציטערט דער אַרומעט,
גלײַך כאַזיירים וואָלט מען לעבעדיקע אויסטאָן פֿון די פֿעלן.

איז אַרויס אין קרײַז אַליאָנע מיט אַ טיכעלע פֿאַרהויבן,
און פֿאַרשוווּמען אין אַ דריידעלע אַ דאָרפֿישן אַ ווילן,
אַזש געררויכערט האָבן דילן מיט אַ רויך פֿון גרויע שטויבן
און געגעפֿלט ביזן באַלקן מיט געדיכטע רונדע זײַלן.

איז אַנטקעגן איר אַרויסעט וואַסקע־פֿליאַס דער ווערטל־שיטער
און פֿאַרבויגן מיט אַ טאַנץ און מיט אַ קונציקן אַ צוזיץ
און אַ כאַפּ געטאָן אַליאָנען אין די הענט אין די געניטע
און פֿאַרדרייט איר און פֿאַרטראָגן, און געדריקט זיך צו איר בוזעם.

האָבן אופגעבליט די בלוטן בא די יונגען, בא די מוידן,
און די גל׳ענדיקע גלידער די פאַרהאָרעוועטע, שטאַרקע,
ווי א שיף אין ראָד פון וואלן האָט דער צימער זיך צעהוידעט
און פאַרדרייט זיך פאַרשיקערטער פון וויַין און פון מאַכאָרקע.

און אין טאַנצנדיקן וויכער האָט זיך אומבאַמערקט פאַריסן
אינעם ווינקעלע דער פאָרהאַנג, ווו עס ליגט דער קראַנקער סטיאָפּע;
האָט זיך אויסגעדוכט אליאָנען, האָט אליאָנען זיך באַוויזן,
ווי דער מאַן אירער וואָלט פלוצלינג פון זיַין בעטעלע אַראָפּעט.

איז דער אָוונט אַף א וויַילע א פאַרלאָשענער געוואָרן,
און אין אָפּגרונטן פאַרזונקען איז דער צימער מיט דער בראַיע,
און פאַרשטאָרבן איז אליאָנע בא איר מילדן אין די אָרעמס,
און א פאָרגעפיל א שלעכטער האָט אין הארצן זיך פאַרטיַיעט.

האָט איר וואַסקע־פּליאַס מיט ווערטער און מיט צערטלעכקיַיט
פאַרמונטערט,
און מיט לידעלעך צעשטרייט איר און מיט פריילעכקיַיט געזיכערט.
און ווי גאָרנישט וואָלט געוועזן, האָט זי ווידער א געזונטע
זיך פאַרוואָרפן אין א דריידעלע א רוסישן א גיכן.

„עך, צעברעכט מיר מיַינע דילן,
דאָמאָוויקעס און פאַרכאַפּטע,
אין קאָמאַרינער קאַדרילן
ריַיסט אַף שטריקעלעך די לאַפּטיעס!

שלאַנגען, גלאַנציקע טאַליאַנקעס,
זויגט די הערצער בא ריאַזאַנער
און צעוויגט אונדזער הוליאַנקע
מיט א סאָרמאָווער סטראַדאַניע!

עך, סאַמאַרע, פּאָמפּע־וואַסער,
ברייט צעגיסט זיך אונדזער וואָלגע,

4*

מאכט א ווארע אין די גאסן,
ס׳גייען רייען רויטע פּאָלקן.

ס׳גייען רייען רויטע פּאָלקן
אף קאזאן און אף סאראטאָוו,
ס׳איז אמאָל געווען מיקאָלקע,
איצטער זײַנען שוין די ראטן!

מאמע, מאמעלע, איך פריר,
לויף און קויף א רויטע טיכל
און א מאן א רויטארמייער,
וואָס קען לייענען א ביכל,

וואָס קען לייענען א ביכל
און קען רײַטן אף א טאנקע, —
מיט אזא צו לעבן איז זיכער
און מאכט רײַכער די געדאנקען".

זײַנען טיש און בענק פון בוידעם אפצוריק אראָפּגעשלעפּטע,
און באלאָדענע מיט פּענכערס קלאָרן ווײַן פון רײנעם קאָרן,
און מיט עסנווארגן הייסע אין די רויכערדיקע טעפּלעך,
און מיט פליישן, און מיט פרוכטן זיס און זויער און געפראָרן.

און מיט זעמעלעך, געבעקסן אלערלייִיקע פארגרייטע
און אף זון־אייל און אף פּוטער און געפילט מיט לונג־און־לעבער,
און מיט אָפּגעהיטן האָניק אף א האָפּן א געבראיטער,
און מיט קנאָבלדיקן גליווער און מיט צינגעלעך פון קעלבער.

און א לוסטיקע אליאָנע האָט די פרײַנטעלעך געמונטערט,
און אין גלעזער ווײַן געגאָסן, און אין טעלערלעך געקלונגען:
— צו געזונט און צו געזונט אײַך, עסט און טרינקט און לענט אײַך אונטער, —
און צו יעדערן געשמייכלט, און צו יעדערן געוווּנקען...

און אליין האָט זי אַ ריס געטאָן דאָס פאַרהענגל דאָס גראָע
און ארויסגעשלעפּט אינמיטן אַף זײַן בעטעלע איר סטיאָפּען
און אַ גרויזאַמע אַ צאַרטע אים מיט קאָרן־ווײַן געפּאָיעט
און מיט עסנווארגן שווערע אים געפּײַניקט און געשטאָפּט אים.

און דערנאָך האָט זי אַ שלעכטע און מיט אופגעגרינטע אויגן
זיך אוועקגעזעצט צוקאָפּנס און געגומען אים באַשווערן,
מיט אַ שטילינקן געמורמל זיך געוויגט און זיך געבויגן,
און פאַרשפּונען אים מיט ווערטער מיט גיפטיקע און שווערע:

— טרינק פאַר מיר און פאַר מײַן יוגנט, פאַר מײַן נאָענטער באַפרײַונג,
טרינק פאַר די, וואָס בלײַבן לעבן, טרינק פאַר אונדזער גאַנצער בראיע,
טרינק פאַר זיך און פאַר דײַן אומקום אַף פאַרשווינדן און ניט ווערן,
טרינק פאַר וואַסקע־פּליאַס מײַן מילדן, ער זאָל אייביק מיר געהערן.

— אָט אַזוי, אַזוי, אַליאָנע! — האָבן פרײַנטעלעך געשריִען
און מיט שיקערן געלעכטער אין צימערל געהוידעט. —
זאָל ער, עד, מיט אונדז געניסן, זאָל ער, עד, מיט אונדז זיך פרייען,
ווי אַ כאַווער פונעם צעך און ווי אַן אייגענער אַ ברודער.

האָבן טרערן זיך געקײַקלט פון די אויגן בא סטעפּאַנען
אַף זײַן גלײַכגילטיקער צורע, אַף דער באָרד און אַפּן קישן,
און דערפילט האָט ער זײַן אומקום און דעם וויסטן סאָף פאַרשטאַנען,
און פאַרוואָלט האָט זיך אים לעבן און דערציִען נאָך אַ ביסל.

ניט דערלאָזן, זײַן אַליאָנע זאָל אין פרעמדע הענט אוועקגיין,
מיט אַ לוסטיקן געמיט, ווי בא אַ פרײַ געלאָזטן פויגל,
נאָר געליימטע גלידער זײַנע זײַנען אײַזערנע געלעגן,
ניט באַוועגלעכע און פרעמדע ניט צו רירן, ניט צו בויגן.

4—37

איז ער שטום אזוי און איינזאם, ווי אין יאם א שטילער אינדזל,
אף זײַן בעטעלע געלעגן ניט באוועגלעך, ווי א סקאלע,
און ארום האָט אלץ גערודערט מיט אן אופגעשוימטן אומזין
און פארכלינעט זײַנע טונקעלע געדאנקען ווי מיט כוואליעס.

האָבן ווייכהארציקע ווײַבער זיך דערבארעמט אף סטעפאנען,
וואָס געווען איז אפן בוינע פון די פויערים דער בעסטער,
איצט — א הילפלאָזער, א שוואכער, פון א קרענק אזא פארפײַניקט
און פון אלעמען פארלאָזן, און פון אלעמען פארגעסן.

זיך דערבארעמט אף סטעפאנען האָבן ווייכהארציקע ווײַבער
און אוועקגעגאנגען רופן זײַנע פרײַנט אף דער הוליאנקע,
זײַנע נאָענטע און טרײַע, זײַנע וויאטקער אָקסנטרײַבער —
זאָלן זיי נעקאָמע נעמען פון דער אומטרײַער אליאָנקען,

וועלכע האָט פון גאָט און לײַטן און פון רעכטגלויביקע קריסטן
זיך פארדרייט צום שווארצן קויעך און אף אייביק זיך פארדונגען
מיטן לײַב און מיטן לעבן, מיטן ווײַבערשן געוויסן —
ווען די צויג, זי זאָל ניט וועלן, וועט דער הונט אף איר ניט
שפרינגען.

זײַנען פויערים געקומען פון דער מארינער ראָגאטקע.
שווערע, לאנגזאמע, בארעכטע, נאָר זיכערע און שטרענגע,
ברייטע, בערדיקע און פעסטע, רונד־געשאָרענע, געהאקטע,
און באוואָפנטע מיט דעמבענע מיט סוקעוואטע דרענגלעך.

זײַנען זיי געקומען נעמען א נעקאָמע פאר סטעפאנען,
וועלכער איז פון אלע יאָרן זייער פרײַנט געווען דער בעסטער,
און איז אלעמאָל א טרײַער פאר די זײַניקע געשטאנען —
אף דער ארבעט און אין טרינקען, אין געשלעגן אף די פויסטן.

איז מען לאנג אזוי געשטאנען בא אליאָנען אונטער פענצטער,
אומגעלומפערטע, געזונטע, גרויזאם, גוטמוטיק, ווי קינדער,

און מיט זיי — דער וויאַטקער גיבער, סטיאָפּעס פּרײַנט דער אָקסנשינדער,
דער געשטופּלטער אַנדריושע, אין אַרטעל באַ זיי דער עלטסטער.

— ברידער, אַלטגלויביקע קריסטן, צי איז רעכט אונדזער באַשטימונג? —
האָט געשטופּלטער אַנדריושע זיך געווענדעט מיט אַ רעדע.
— רעכט איז, רעכט אונדזער באַשטימונג! — האָבן פּויערים געטומלט,
און מיט ברייטע בערד געטרייסלט און מיט דרענגעלעך גערעדערט.
איז אַנדריושע פון די ערשטע אַפּן שוועל אַרופגעטראָטן
און פון שעפּסן־פּעלץ דאָס היטל פונעם קאָפּ אַראָפּגעריסן,
און פאַרבויגן זיך אין גאַרטל, מיט אַ קרייץ זײַן ברוסט באַשאָטן,
און אַ רוף געטאָן אַליאָנען מיט אַ שמייכעלע פאַרביסן:

— ווירטן האַרציקע, ווו ביסטו?
נעם אויף אָרנטלעכע קריסטן.
אָדער זעסטו ניט, עס וואַרטן
געסט געקליבענע געגאַרטע?

נעם אונדז אופּעט, נעם אונדז אופּעט,
ווי עס פּירט זיך פון פאַרצײַטנס.
אָדער זײַנען מיר דיר פרעמדע,
אָדער שעמסטו זיך פאַר לײַטן?

איז אַרויס פון קרײַז אַליאָנע מיט פאַרלייגטע הענט אף בריסטן
און פאַרנייגט זיך פאַר אַנדריושען, ווי דער שטייגער איז, באַגריסט אים,
און אַז אַלע זאָלן הערן, האָט זי רויִק און מיט ווערדע
אים אַ ניכטערע געענטפערט, און אים אָפּגעקילט מיט ווערטער:

— אויב ווי פרײַנט זײַט איר געקומען, וועט אונדז ענגער דאָ ניט ווערן,
ברויט און זאַלץ און פאַרגעניגן, און א באַנק אונטער איקאָנעס,
אויב ווי פײַנט זײַט איר געקומען און מײַן פריילעכקײַט צעשטערן, —
וועט עס גרינג אײַך ניט אריבער, ווי מײַן נאָמען איז אליאָנע!

— מירן ברויט דײַנעם ניט עסן,
און דײַן ווײַן איז אונדז דערווידער,
ניט צו דיר איז מען געקומען,
פון דײַן פריילעכקײַט געניסן,

נאָר געוואָר ווערן סטעפּאַנען,
אונדזער פרײַנט און אונדזער ברודער,
וועמעס לעבן דו האָסט פאַרומערט,
וועמעס האַרץ דו האָסט צעריסן. —

איר געענטפערט האָט אַנדריושע
און א טראָט געטאָן צו סטיאָפּען,
צו זײַן בעטעלע דערנענטערט
און פאַרבויגן זיך אין גאַרטל.

און צורעכט געמאַכט זײַן קישן
און פאַרהויבן זײַן צוקאָפּנס.
און געקוקט אף אים אָן ווערטער
מיט א בליק אַזאַ פאַרשטאַרטן.

האָט א שטילקײַט אפן צימער זיך צעלייגט מיט שווערע כמאַרעס
און פאַרשלאָסן מיט א שטומעניש בא אַלעמען די מײַלער.
אַזש דערהערט האָט מען, ווי סטיאָפּע — א פאַרצערטער און א דאַרער,
האָט מיט פּוסטער ברוסט געאָטעמט אַזוי זעגעדיק און אײַליק.

נאָר די איינציקע אליאָנע האָט די שטילקײַט אופגעריסן
מיט א קעלעכל א שאַרפן, און מיט ווערטעלעך געשליפן,

און מיט שפּאָטישן געלעכטער זיך געווענדט צו אַנדריושען,
וועמעס אויגן זײַנען מערדעריש מיט בלוט אַזוי פאַרלאָפן:

— וואָס זשע שטייסטו, ווי אַן אידאָל, ביסט צו סטיאָפּען דאָך
געקומען!
ווי אַ פרײַנט און ווי אַ ברודער, הייב אים אויף און נעם אַרומעט,
און ווי אַלטגלוביקע קריסטן, אין די בערד מיט אים צעקוש זיך,
עפשער וועט אים ווערן גרינגער, עפשער וועט ער קומען צו־זיך?

נעם דערוואַרעם זײַנע גלידער
און מיט צערטלעכקײַט צעמונטער,
עפשער וועט ער אופשטיין ווידער
אַ דערפרישטער, אַ געזונטער.

וועט דײַן נאָמען אַף דער גאַנצער גובערניע זיך צעקלינגען,
און פון גאַנצער ראַסייע וועט מען קאַליקעס דיר ברענגען.

וועט מען קאַליקעס דיר ברענגען, צו די פיסעלעך דיר פאַלן,
און זיך בעטן מיט ראַכמאָנעס: אָ, דו הייליקער אַנדריושע!
נאַ דיר גאָלד, און נאַ דיר זילבער, און טשערוואָנצעס אימפּעריאַלן,
גיב אַ היילונג פאַר די גלידער, פאַרן קערפּער אַ דערפרישונג.

וואָס זשע שטייסטו, ווי אַן אידאָל, ביסט צו סטיאָפּען דאָך געקומען,
ווי אַ פרײַנט און ווי אַ ברודער, הייב אים אויף און נעם אַרומעט
און אין באָרד מיט אים צעקוש זיך, ווי עס פירט זיך פון פאַרצײַטנס,
אָדער איז ער דיר אַ פרעמדער, אָדער שעמסטו זיך פאַר לײַטן?

האָט די בראַיע זיך צעהירזשעט, ווי די פערד, מיט אַ געלעכטער:
— היי, געשטופּלטער אַנדריושע, ס'איז אַליאָנע אַ גערעכטע,
בלײַב שוין בעסער אַפן בוינע, ווי געווען, אַן אָקסנשינדער,
וועסט מערער געלט פאַרדינען, ווי פאַר הייליקײַט און וווּנדער.

האָט זיי אויסגעהערט אנדריושע מיט פאראכטונג אף די ליפּן,
און אין הארצן האָט א צאָרן זיך צעקוואָלן ווי פון בראנפן,
און א גיפט האָט זיך אין אָדערדיקע הענט בא אים פארקליבן,
און פארבויגן זײַנע פינגער און פארצויגן זיי אין קראמפּן.

איז ער צוגעגאן צום פענצטערל, די פליגעלעך פאריסן,
מיט א פּײַף ארויסגעשניטן אין דער ווײַטער נאכט ארומעט:
— היי, אהער, אהער אף גיכער! — האָט ער הילכיק מיט זײַן שטימע
אין די פויערים געשלײַדערט און גערופן זיי אין צימער.

האָט די זיבעטע קאזארמע אלע טירעלעך געעפנט,
און אף שוועלן זײַנען ווײַבער מיט א בייזער פרייד געשטאנען,
און צופרידענע געטײַנעט, אז דער אומגליק וועט שוין טרעפן
מיט דער לוסטיקער אליאָנע פארן מאן אירן סטעפאנען.

אז זי קען שוין ניט דערלײַדן, ביז דער טויט וועט אים באפרײַען,
וואָס זי האָט מיט הינט אזעלכע אופגעשמעקט זיך א פארשלעפּטע.
וועט עס גרינג איר ניט אריבער, וועט עס גרינג זיך ניט פארדײַען
אָט די נעכטעלעך הוליאנקעס אין צעלאָזטקײַט פארלעבטע!

אז ניטאָ אף איר א ציילעם און קיין ווײַבערשער געוויסן
און ניטאָ, ווער זאָל דערהאלטן איר סטעפאנען בא די קרעפטן,
און דער טויט, אז ער וועט קומען, ווער וועט אים די אויגן שליסן,
און די הענטעלעך די קאליע אים צו לעצטן מאָל באהעפטן?

איז דער צימער פול געוואָרן מיט א טומל, און מיט פרישקײַט,
און מיט פעד־געברוך פון שטיוול, און מיט ווינטערדיקן דרויסן.
און מיט אופגעיויערטע זידלווערטער שארף אזוי און מיסטיק,
און מיט פויערישן אָטעם און מיט זויערקײַט פון שווייסן.

ווי אן אופגעשוימטער צופלוס האָט די פויערישע מענגע
אָנגערוקט זיך אף דער בראיע און פארשפּארט זי און פאריגלט:

— שלאָג זיי, שלאָג זיי און צעטראָג זיי,
צייל די ריפּן, ברעך די קארקן, —
האָבן בערדיקע געשריגן:
— הארגע, הארגע, הארגע, הארגע!

האָט א ווונק געטאָן אליאָנע
צו די יינגעלעך ריאזאנער,
האָבן יינגעלעך ריאזאנער
אפן ווונק איר באלד פארשטאנען.

און פארוקט די הענט אין שטיוול
און אין פליודערן, אין גארטלען,
ווו געררוט האָבן די שעכט־מעסערס
אין שיידעלעך אין הארטע.

האָט א קעלט פון בלויע מעסערס אלץ און אלעמען געניכטערט,
און א זיכערע אליאָנע איז ארויסגעגאן אינמיטן:
— היי, געננוג אײַך שוין צו שפּילן זיך ווי יינגעלעך אין ריכטער,
ס׳וועט די שפּיל זיך ניט פארענדיקן פאר אײַך אזוי צום גוטן.

אָט איז ווייַן, און אָט פארבייַסונג,
טרינקט מיט מיר, און מיט די שלעגער,
ווער עס וויל מיט אונדז צערײַסן, —
מיט א טישטעכל דער וועג אים!

אָט איז ווייַן און אָט פארבײַסונג,
ס׳וועט פאר קיינעם דאָ ניט פעלן,
ווער עס וויל מיט אונדז צערײַסן —
אָט איז גאָט, און אָט די שוועל איז!

ווייַל מײַן הויז, זי איז מײַן פעסטונג,
און בא זיך בין איך די ווירטן,

און אַ צײַט איז איצט אַ נײַע,
און פאַר װײַבער אַ דערװאַרטע!

הוליעט, הוליעט, מײַנע שװעסטער,
הײַנט איז קײן זאַך ניט פאַרװערט אונדז,
קלײַבט זיך אױסעט פון דער בראַיע
יעדע אײנע איר געגאַרטן.

װאַסקע־פּליאַס, מײַן האַרצן־פּרעסער
און מײַן קלאָר־אױגיקער אָדלער,
איך בין הײַנט מיט הײסער יוגנט
און מיט ליבע אָנגעלאָדן!

נעם פאַרצערטל מיך אױף טױט
אין דײַנע פּײַניקנדע גלידער.
אױף צעפּיקעניש די װיאַטקער
און דער גאַנצער װעלט דערװידער!

(סאָף פונעם ערשטן טײל)

זיאמעלע מאטראָס

זיאמעלע א פעטער האָט,
דינט ער אין דעם רויטן פלאָט
אף א שיף א גרויסער,
אף א רויטן קרייסער.

קומט צו גיין דער פעטער אָפט
און דערציילט אים אָן א סאָף
וועגן יאם דעם טיפן,
וועגן גרויסע שיפן.

ער דערציילט ביז שפעטער נאכט,
ווי מע פירט אין יאם א שלאכט,
ער דערציילט אים, זיאמען,
וועגן רויטע יאמער:

אלע יונגען איין־אין־איין,
הארטע מוסקולן ווי שטיין,
מונטערע און שטארקע,
מיט געזונטע קארקן.

און זיי שווימען נאָכאנאנד,
און באהיטן אונדזער לאנד,

זיכערע און דרייסטע
אף די רויטע קרייסערס.

נאָך דערציילט דער פעטער אים,
ווי מאטראָסן קלעטערן
פלינק אזוי און האסטיק
אף די הויכע מאסטן.

פון די מאסטן זעט מען ווײַט,
אלץ באמערקט מען צו דער צײַט.
נעמט דער פײַנט זיך רוקן —
גיט מען פײַן אין שנוק אים.

האָט זיך זיאמעלע פארטראכט:
סארא וווּנדער, סארא פראכט!
און באשלאָסן האָט ער
זײַן א רויטער פלאָטער.

און ער זאָגט צום פעטער קלאָר:
— מיר איז דאָך שוין זיבן יאָר,
וואָס וועל איך דאָווארטן
בא דער מאמעס פארטעך?

פאק מיר גיך די זאכן אײַן,
כ׳וויל א רויטער פלאָטער זײַן.
כ׳וויל מיט דיר צוזאמען
שווימען אף די יאמען.

זאָגט דער פעטער אים: — פאראן!
דאָס איז ניט קיין שלעכטער פלאן,
כ׳וועל דיך שטעלן, ברודער,
אפן שיף באם רודער.

נאָר דערוויַילע, ליבער פריַינט,
דעק זיך צו און שלאָף איצט איַין.
ווי עס וועט נאָר קלאָרן,
נעמען מיר און פאָרן.

האָט זיך זיאמעלע דערפרייט,
אין דער קאָלדרע זיך פארדרייט.
זיך פארשטעקט אין קישן
אין א שלאָף א זיסן.

זעט ער, זיאמע, פון דיוואן
פליט אראָפּ זיַין ׳עראָפּלאן,
שטעלט זיך אָפּ א רעגע
פונקט בא זיַין געלעגער.

האָט ער, זיאמע, ניט געטראכט,
די קאבינע אופגעמאכט,
אין קאבינע, זעט ער,
דאָרטן זיצט דער פעטער.

רעדט ער, זיאמע, ניט קיין וואָרט,
ער שליסט איַין דאָרט דעם מאָטאָר,
און עס הייבט אָן שנעלער
רוישן דער פּראָפּעלער.

און די מאמע בא דער זיַיט
פאָכט צו זיאמעלען און שריַיט:
— שווים איבער די יאמען,
ניט פארגעס די מאמע.

פאָר, מיַין זונעלע, מיט גליק,
קום געזונטערהייט צוריק,

זאָלסט אין יאם זיך היטן
פאר די גרויסע קיטן.

הייבט זיך אויף דער ׳עראָפּלאַן
און ער פליט איבערן לאנד,
איבער בערג און טײַכן,
איבער פעלדער רײַכע.

אינעם פרײַען ברייטן סטעפּ
שווימען נײַ־געבויטע שטעט,
אין די טאָלן שלענגלען
באַנען שמאָלע סטענגעס.

פלוצלינג שרײַט דער פעטער: — סטאָפּ!
לאָז זיך, פרײַנט מײַנער, אראָפּ,
הערסט דעם יאם דאָרט ברומען?
מיר זײַנען געקומען!

האָט זיך זיאמעלע דערפרייט,
ס׳ליגט דער יאם פאר אים צעשפּרייט —
ברייט און אומגעהויער,
און אזא מין בלויער.

ווײַסע רוישנדיקע וואלן
וואקסן אויסעט און צעפאלן,
און מיט טויזנט זונען
איז דער יאם פארשפּונען.

אין די הייכן אין די פרײַע
מעוועס טויכן זיך און שרײַען,
אין די גרינע טיפן
די דעלפינען שטיפן.

שטייט ער, זיאמעלע, און גאפט:
„מאמע מײַנע, מאמע,
סארא שיינקײַט, סארא קראפט
אָט דער בלויער יאם איז!״

— פעטער, כ׳האָב שוין ניט קיין צײַט, —
הייבט אָן זיאמע טײַנען. —
ווײַז מיר גלײַך, אין וועלכער זײַט
שטייט דער קרייסער דײַנער.

ענטפערט אים דער פעטער אָפּ:
— א געזונט דיר אין דײַן קאָפּ!
אויב דו וועסט זיך אײַלן,
וועסטו זיך צעבײַלן.

פּלוצלינג שווימט ארויס א קאטיער,
אפן נאָז א פלאג עס פלאטערט,
פון די מעסער־שרויפן
כוואליעס זיך צעלויפן.

אפן קאטיער בא דעם רודער
שטייט א יאט — א גוטער ברודער.
פון זײַן היטל הענגען
צוויי מאטראָסן־סטענגעס.

שרײַט צו אים דער פעטער: — סטאָפּ!
און דער קאטיער שטעלט זיך אָפּ.
שפּרינגט ארויס פון קאטיער מונטער
א רויטפלאָטער א געזונטער.

לויפט ער צו צום פעטער שנעל,
גיט זיך בראוו לעם אים א שטעל.

גיט א הייב די האנט צום היטל,
ווי א פלאָטמאַן א געניטער.

און ער גיט א ראַפּאָרטיר:
— געערטער כאַווער קאָמאַנדיר,
מעלדן איַיך איך האָב די ערע,
כ׳בין פון קרייסער „קאָמינטערן״.

מיר האָט מען געהייסן גלײַך
אָפּפירן צום קרייסער אײַך! —
גיט דער פעטער אים די האַנט,
זאָגט צום פלאָטמאַן: — זײַט באַקאַנט!
דאָס איז מײַן פּלעמעניק זיאַמע,
ער וויל אויכעט זײַן א יאַמער. —

קוקט ער, זיאַמעלע, און קוועלט:
„סאַרא גיבער, סאַרא העלד!״
שטרעקט ער אויסעט אים די האַנט:
לאָמיר, ברודער, זײַן באַקאַנט.

שרײַט דער פלאָטמאַן אויס: — פאַראַן!
נא דיר, ברודערקע, מײַן האַנט,
מירן, ברודער זיאַמע,
שטענדיק זײַן צוזאַמען.

זעצט זיך זיאַמעלע אַרײַן
מיטן פעטער, מיט זײַן פרײַנט
אין דעם שנעלן קאַטיער
לעם דעם פלאַג, וואָס פלאַטערט.

טוט א טראַסקע דער מאָטאָר,
רײַסט מען האַסטיק זיך פון אָרט,

אזש דער ברעג אהינטער
ווונדערלעך פארשווינדט ער.

פלוצלינג איז א ווינט פון צאָפן
אפן קאטיער אָנגעלאָפן,
טוט דער ווינט א וואָיע
אפן יאם דעם בלויען.

טוט דער יאם זיך א צעשטורעם,
וואקסן וואסער־בערג ווי טורעמס,
און די כוואליעס ווערן,
ווי די ווײַסע בערן.

הייבט דעם קאטיער אָן צו ווארפן
אף די וואסער־בערג די שארפע,
שלײַדערט אים אָן ענדע,
ווי א דינעם שפענדל.

שרײַט צו זיאמעלען דער פעטער:
— ווי געפעלט דיר, סארא וועטער,
ס׳זײַנען אונדז באפאלן אלע דרײַצן באלן!

ענטפערט זיאמע: — דרײַצן באלן?
זאָלן דרײַסיק אונדז באפאלן!
כ׳בין א רויטער פלאָטער,
כ׳הער זיי ווי דעם קאָטער!

מעג זײַן דאָרט דער ווינט דער גרעסטער,
איך וועל זיך מיט אים פארמעסטן!
זאָל דער ווינט ניט מיינען,
אז כ׳וועל זיך צעווייגען!

שרײַט דער פעטער: — ביסט א יאט,
כ׳האָב קיין טאָעס ניט געהאַט.
דו וועסט, ברודער זיאמע,
זײַן א גוטער יאמער.

שרײַט דער כאווער בא דער זײַט:
— דו ביסט, ברודערקע, א לײַט!
דו וועסט, ברודער זיאמע,
זײַן א גוטער יאמער.

שרײַען אין דער הייך די מעוועס,
און די ווײַסע כוואליעס רעווען:
— אונדזער כאווער זיאמע
איז א בראַווער יאמער!

אָפגעהוליעט, אָפגעשפילט,
האָט דער שטורעם זיך געשטילט.
ס׳איז דער יאם געוואָרן
בלויער נאָך און קלאָרער.

פלוצלינג וואקסט אנטקעגן אויסעט
ווי א בארג א שיף א גרויסע,
און דער מאסטבוים הויערט
אין דער הייך דער בלויער.

אפן שיף דרײַ קוימענס שטארצן.
שלאָגט פון זיי א רויך א שווארצער,
און די שיף אינגאנצן
איז אין שטאָל געפאנצערט.

קוקט ער, זיאמע, אין שפאקטיוו,
ס׳איז אן אופשריפט אפן שיף —

גרויסע אויסיעס שווערע:
קרייסער „קאָמינטערן“.

פונעם קרייסער אַף די קייטן
לאָזט זיך שנעל אַראָפּ א לייטער,
גלײַך ער וואָלט זיך בעטן:
„טײַערינקע, קלעטערט“.

קלעטערט זיאמעלע און קלעטערט
מיט זײַן כאווער נאָכן פעטער,
אזש בא יעדן טראָט אים
עס פארכאפּט דעם אָטעם.

אפן שיף האָט זיי באגעגנט
מיט א שאַל דער האָרנטרעגער,
און דעם באָצמאַנס דודע
האָט זיך הויך צעהודעט.

האָבן אײַליק זיך צעשאָטן
רירעוודיקע רויטע פלאָטער,
זיך געשטעלט צו צווייען
אין צוויי שטרענגע רייען.

און פאָרויס דער עלטסטער וואכמאַן
דונערט אויסעט: — מאַנשאפט, אכטונג!
בלײַבט מען שטיין, ווי איינער,
שטילע, ווי פארשטיינערט.

און דער פעטער ווי געהעריק
גריסט דער מאַנשאפט מיליטעריש,
גריסט זיי זיאמע אויכעט
אַף א קאָל א הויכן:

5—37

— איר זײַט, יאטן, מיר געפעלן,
איך וואָלט טאקע זייער וועלן
זײַן מיט אײַך צוזאמען,
שווימען אף די יאמען.

נאָך אזא מין ווילער רעדע
ארום זיאמען ווערט א רעדל.
שטרעקט ער, זיאמעלע, די האנט,
ווערט מיט אלעמען באקאנט.

מיטאמאָל דערזעט ער, זיאמע,
אפן שיפּדעק דעם גראמען,
וואקלענדיק זיך הין און הער,
גייט א גרויסער ברוינער בער.

קריכט דער ברוינער בער און סאָפּעט,
מיט די לאפּעס קרום ער טאָפּעט,
מיטן שווערן גוף ער דרייט —
גלײַך אף זיאמעלען ער גייט.

זיאמעלען א שרעק כאפּט אָנעט,
נאָר ער מאכט א שטרענגן פּאָנעם
און ער שרײַט: — א ביקס אהער,
כ'וועל דערשיסן גלײַך דעם בער!

זאָגט מען אים: — צו וואָס דערשיסן?
ס'גייט דער בער מיט דיר זיך גריסן.
בערל, בערל, קום אהער,
זיאמעלען א כאווער ווער!

לאָזט דער בער זיך לאנג ניט בעטן,
רויִק און פּאמעלעך טרעט ער,

ער גייט צו און טוט א ברום,
ער נעמט זיאמעלען ארום.

נאָכדעם בייגט ער איַין א זײַטל,
גלײַך ער בעט זיך: „זעצט זיך רײַטן״.
ווערט דאָ זיאמע בא זיך שטארק,
זעצט דעם בער זיך אפן קארק.

רײַזט ער, זיאמע, אזוי מוטיק,
גלעט דעם בער דעם ווייכן פוטער,
און דער בער מיט א געברום
טראָגט אים אפן שיף ארום.

איבער לאנגע קרומע לייטערס,
ווי די שלאנגען די געדרייטע,
טראָגט ער זיאמעלען געשווינד
דורך א לאנגן לאבירינט.

קאָרידאָרן, קאָרידאָרן
איינס אין אנדערן פארלאָרן,
רונדע פענצטער אין די ווענט
אָן א צאָל און אָן אן ענד.

אין די קובריקעס די לאנגע
טישן וויגן זיך צעהאנגען,
און די בעטן זײַנען אויך
צוגעבונדן אין דער הויך.

האלט דער בער אים אין איין פירן
און דערפירט אים צו א טירל.
האָט ער, זיאמע, ניט געטראכט
און דאָס טירל אופגעמאכט.

קוקט ער זיך ארומעט, זיאמע,
ס׳איז א זאל אזא גערא̈מער,
און אינגאנצן איז דער זאל
אײַנגעפאנצערט אין מעטאל.

און דערבײַ די קעסל־הייצערס
מיט געזונטע ברייטע פלייצעס
אף דער וואכטע נאָכאנאנד
גיבן אכטונג אפן בראנד —

ס׳זאָלן פּאָמפּען די מאשינען,
ס׳זאָל דער נאפט דורך רערן רינען,
און די קעסלען אקוראט
זאָלן פרעסן נאפט צו זאט.

וועט דאָס וואסער אין די קעסלען
זידן היציקער און בעסער
און אין הייסן לאנגן קאמף
וועט פארוואנדלען זיך אין דאמף.

וועט דער הייסער דאמף זיך הויבן
און א שפאר טאָן דורך די טרויבן,
און געשווינד אהין, אהין, —
צום צילינדער פון מאשין.

וועט די קאָלבע אין צילינדער
לויפן האסטיקער, געשווינדער
און באוועגן אין געלויף
פון דער שיף דעם שארפן שרויף.

קוקט ער, זיאמעלע, פארצויבערט
אף די קעסלען, אף די טרויבן,

און באַגײַסטערט ער באַשליסט:
— איך מוז זײַן אַ מאַשיניסט.

אונטער מילכיק־ווײַסע טעלער
שײַנען ליכטיק לאָמפּן העלע,
מעכאַניזמען אויף די ווענט
אָנגעשײַערטע ביז בלענד.

און אין ברייטן זאַל אין מיטן
שטייען קעסלען צען צעגליטע,
אין די קעסלען שפּאַרט מיט קראַפט
דורך אַ טרויב צעשטויבטער נאַפט.

זעצט דער נאַפט מיט אַזאַ ברומען,
כאַפּט אַ פלאַם דעם נאַפט אַרומעט,
און דאָס פײַער פּרעסט און רוישט,
און דער דאַמף אין קעסל ברויזט.

אויף די שטאַנגען פונעם גאַנעק
איז געשטאַנען דער מעכאַניק,
שרײַט ער, זיאַמעלע, צו אים
מיט אַזאַ מין דרייסטער שטים:

— מיר געפעלן די מאַשינען,
כ׳וויל זיך שטעלן זיי באַדינען!
מיר האָט זיך פון אַלעמאָל
זײַן אַ מאַשיניסט געוואָלט.

ענטפערט זיאַמען דער מעכאַניק
פון דעם הויכן שטאַנגען־גאַנעק:
— איך דערלויב דאָס דיר, געוויס,
ביטע, זײַ אַ מאַשיניסט!

נאָר אפריִער, פריִינט מײַן ליבער,
לויף אין קובריק, טו זיך איבער,
קום צוריק אהער, און דאַן
ווערסטו גלײַך מײַן רעכטע האנט.

לויפט ער, זיאמע, איבערטאָן זיך,
נאָר פון פרייד האָט ער פארבלאָנדזעט.
ס׳איז דער קרייסער אזוי גרויס —
ניט ער ווייסט ווו אײַן, ווו אויס.

זוכט ער ווּעמען זאָל ער פרעגן.
ערשט דער בער אים שפּאנט אנטקעגן,
נעמט דער בער אים גלײַך ארוף
אף זײַן רונדן שווערן גוף.

מיטאמאָל א גלאָק נעמט קלינגען,
נעמט דער בער דערשראָקן שפּרינגען,
גיט זיך ראפּטום א שטעל אָפּ,
קוליעט זיאמעלען אראָפּ.

און דער גלאָק דערווײַלע ליארעמט,
אפן שיף א שלאכט־אליארעם,
און דער האָרן־שאלער שאלט,
און ער וואָרנט א סיגנאל.

האָבן גלײַך די רויטע פלאָטער
שנעל און בליציק זיך צעשאָטן,
אָן א טומל, אָן א וואָרט
שטעלט זיך יעדער אף זײַן אָרט.

אפן שטורמאן־בריקל, זעט ער,
שטייט דער קאָמאנדיר, זײַן פעטער,

הייבט צום מויל דעם רופאָר שנעל,
און עס דונערט א באפעל:

— קאָמאנדירן, רויטע פלאָטער,
פון די וואכטעס צוגעטראָטן!
צום שלאכט דעם קרייסער גרייט,
הייבט דעם אנקער אפן קייט!

האָבן הילכיק זיך צעקלונגען
פונעם אנקער־קייט די רונגען,
און פון יאם, פון טיפסטער טיף,
קריכט דער אנקער אפן שיף.

אין די הייסע טיפע טריומען
די מאשינען ברילן, ברומען,
און די קוימענס דרײַ אין הויך
אין די רוימען שפּײַען רויך.

גיט א ריס זיך באלד דער קרייסער
מיט זײַן ריזן־גוף דעם הייסן.
אפן בריקל פונעם שיף
קוקט דער פעטער אין שפאקטיוו.

שרײַט דער וואכמאן: — אונדז אנטקעגן
פײַנטלעכע פיר מינען־טרעגער,
און אין וועג באגלייטן זיי
אונטערוואסער־שיפן צוויי!

ווארפן גלײַך זיך די מיניאָרן
צו די מינען־אפאראטן,
די געניטע קאָמענדאָרן
צו די פאנצער־קאזעמאטן.

דער קאָנווייער זיי באַשטאַט
אַ גראַנאַט נאָך אַ גראַנאַט.

נעמען אַף אַן אָרט זיך דרייען
ביידע רייען באַטארייעס,
און עס הייבט זיך שטאַם נאָך שטאַם
צילעווען זיך אַפן יאַם.

די זעניטלער די געניטע,
פון זעניט די שטרענגע היטער,
הייבן הויך די רערן אויף,
צילעווען זיך אין דער לופט.

בא די מעכטיקע האַרמאַטן
שטייען גרייטע די גראַנאַטן,
און די יאַטן באַם קאַנאַל
טשאַטעווען אַף אַ סיגנאַל.

פּלוצלינג פּלאַצט אויף אַ ראַקעטע:
— פֿײַער, פֿײַער! — שרײַט דער פעטער,
און אין לופט צעשפּאַלט זיך באַלד
אַ צענדונערדיקער קנאַל.

זעצט אַ פֿײַערדיקער שטורעם
פון די באַטארייען־טורעמס.
די זעניט־געווער אין הויך
שפּײַען שטאָל און פֿײַער־רויך.

און עס שאַלן דונער־קנאַלן,
גלײַך דער הימל וואָלט צעפאַלן,
און עס ברויזט אַ גרויסע שלאַכט —
באַ־באַ־באַך און באַ־באַ־באַך!

זעט ער, זיאמע, אפֿן יאם איז
פֿײַער־רויך און רויטע פֿלאמען,
און אין כוואליקן געררויש
וואקסן וואסער־זײַלן אויס.

זעט ער, זיאמע, ווי אין טיפֿן
זינקען שוין דעם סוינעס שיפֿן.
ווערט ער, זיאמע, שטארק אנציקט,
ער צעפֿלאמט זיך אזש פֿון גליק.

לויפֿט ער צו די באטארייען,
ווו די קאָמענדאָרן שטייען:
— גיט מיר אויכעט א הארמאט,
כ׳וועל אים טרעפֿן אקוראט!

און ער טוט א צי דעם שלאָס,
טוט א קנאל און טוט א שאָס,
אזש עס פּראלט זיך אויף זײַן רעקל
און ער טוט א פֿלי אוועקעט.
און עס פֿליט זײַן היטל אויך,
ווי א פֿויגל אין דער הויך.

און ער שרײַט אין יאם צום סוינע:
— נא דיר, סוינע, דו — געמיינער!
פֿארגעדענק אצינד אף לאנג,
ווי צו גיין אף אונדזער לאנד!

מיטאמאָל האָט מיט א קוויטשען
א סירענע זיך צעריטשעט,
און עס טוט דער גלאָק א בראזג:
„טוט אָן מאסקעס קעגן גאז!״

שרײַט דער באַצמאַן: — ס׳האָט א מינע
אופגעריסן לעם מאשינע,
דורכן ריס דאָס וואסער רינט,
פערטע וואכטע, ראש אהין.

לויפן צען מאטראָסן האסטיק,
שלעפן טראָסן מיט א פלאסטער:
פלינק פארצי׳ען זיי דעם שפאלט,
און דאָס וואסער מע פארהאלט.

אפן אויבערדעק דערווײַלע
גייט די שלאכט ווי פרי׳ער אײַליק,
פינקטלעך, רו׳יִק, אָן גערויש
יעדערער זײַן פליכט פילט אויס.

מיט א גרילצערײַ פון גרילן
פליט דעם פײַנטס אן עסקאדריליע.
הייבן זיך פון שיף גלײַך אוף
צען פארניכטלער אין דער לופט.

גיבן זיי א יאָג אין הויכן
און מיט זיי פליט זיאמע אויכעט.
ס׳האָט זײַן כאוועך, דער פילאָט,
אים פארטרויט דעם פולעמיאָט.

אין דער לופט די פײַנט באגעגנט,
צאמט זיי זיאמעלע די וועגן.
ער באפאלט זיי און צעשיסט,
און צעשפאלט זיי ווי די ניס.

און דעם סוינעס ׳עראָפלאנען,
אײַנגעהילט אין רויך און פלאמען,

מיט א קנאל זיך רײַסן אויף
און צעפּאלן אין דער לופט.

נאָך אזא מין שלאכט א הייסער
נידערט זיאמע אפּן קרייסער.
דריקט אים יעדערער די האנט,
מע באגריסט אים נאָכאנאנד.

שרײַט צו זיאמעלען דער פעטער:
— האָסט, מײַן פרײַנט, דעם פּײַנט צעשמעטערט,
אים פארניכט אין פלאם און רויך —
אפּן יאם און אין דער הויך!

פאר דער דרייסטקײַט פאר דער גרויסער
כ׳דריק א הייסן דאנק דיר אויסעט
און פאר אלעמען איך מעלד:
ביסט, מײַן זיאמעלע, א העלד!

און באשטימט האָב איך באלוינען
דיך, מיט וואָס דו ווילסט אליין נאָר.
זאָג זשע, זיאמע, אומגעשטערט,
וואָס איז, ברודער, דײַן באגער?!

ענטפערט זיאמע זייער ערנסט:
— כ׳וויל א רויטער יאמער ווערן,
איך וויל זײַן א מאשיניסט,
א ראדיסט, א מאָטאָריסט

בא די מינען־אפּאראטן,
בא די מעכטיקע הארמאטן
וויל איך ווערן א מיניאָר,
א געניטער קאָמענדאָר.

אפן האָרן וויל איך שאלן,
הויכע וואָרענען סיגנאַלן,
זײַן א שטורמאַן אפן שיף,
שטיין באם שטורוואל, באם שפּאַקטיוו.

זײַן א באַצמאַן וואָלט איך ווען,
זײַן א וואכמאַן אָף דער וואכטע,
קענען אָפּגעבן באפעלן,
זײַן דער אָנפירער אין שלאַכטן.
איך וואָלט וועלן גלײַך מיט דיר
זײַן א רויטער קאָמאַנדיר.

זאָגט דער פעטער מיט א שמייכל:
— ווײַסט דאָס אַלץ, מײַן פרײַנט, דערגרייכן,
אויב דו וועסט נאָר מיט געדולד
גיין זיך לערנען אין א שול.

ענטפערט זיאמעלע דערפרייט:
— גיין זיך לערנען בין איך גרייט,
כאָטש א יאָר און דרײַ און פיר,
אבי זײַן א קאָמאַנדיר!

שיקט גלײַך זיאמעלע דער מאמען
אָט אזא מין טעלעגראַמע:
„איך, דײַן זיאמעלע, דײַן זון,
ווינטש דער מאמע זײַן געזונט.

איך וואָלט וועלן זען דיך גערן,
נאָר איך פיל אויס דײַן פארלאַנג —
איך פאָר לערנען, איך וועל ווערן
לייטענאַנט פון ערשטן ראַנג".

פאַרן פאָרן הייבט מען אָנעט
טראָגן זיאַמעלען מאַטאַנעס:
ס׳קומט דער שטורמאַן פון דער שיף,
ברענגט אַ קאָמפאַס, אַ שפּאַקטיוו.

ס׳ברענגט דער וואַכמאַן אַ מאַטאַנע
אים אַ ביקסל מיט פּאַטראָנעס,
און דער קעכער אַף אַ טאַץ
ברענגט אַ טאָרט אים ווי אַ פּאַס.

לויפט דער באָצמאַן דער געניטער,
ברענגט אַ פלאָטיקן גאַרניטער, —
אַ מאַטראָסקעלע אַ העלע
און אַ לײַבל פון פלאַנעלע.

שוואַרצע הויזן, אַ בושלאַט —
אַלץ זעט אויסעט אַזוי גלאַט,

אַף די אַרבל רויטע אַנקערס,
און די קנעפּ די ברייטע בלאַנקען,
און פון היטל הענגען צוויי
שמאָלע סטענגעלעך צעווייט.

טוט דער פעטער אַ באַפעל:
מע זאָל גרייטן אַ פּאַראַד
און באַגלייטן, ווי אַ העלד,
זיאַמען אַזש קיין לענינגראַד.

האָבן גלײַך זיך אופגעזאַמלט
די מאַטראָסן אַפן דעק
זיך געזעגענען מיט זיאַמען
און באַגלייטן אים אין וועג.

און עס כאַפּן אים באַלד אונטער
אַ פּאָר הונדערט הענט געזונטע,
און אים הייבן אַלע אויף
און מע הוידעט אין דער לופט.

הוידע, הוידע,
הוידעט, ברידער,
הויך און נידער,
הויך און נידער,

הוידע־הוידע!
שפּרינגט ער האַסטיק —
אָט דערגרייכט ער
ביז די מאַסטן.

ביז די וואָלקנס אָט דערפּליט ער.
האָט דאָס האַרץ
אים אַזש פֿאַרציטערט.
כאַפּט זיך זיאַמע אויף פֿון שלאָף —
און עס קומט צו אַלץ אַ סאָף.

1941

אינהאלט

לידער

יאם־לידער

וועכטער־יאמער 7
מאטראָס־ליד 9
אַף אנקער 12
די פישערן 13
מאטליאָט 14
צופלוס , ... 16
פישער־לידער 21
„פרײַנט פון שטורעם...״ 23
„איך ווייס ניט...״ 25
פּאָלונדרא! 26
צווישן פישער 28
אָפּגאנג 30

אין פרײַלאנד

ראדיאָ 32
אפן גליטש 35

6*

אין אורלויב 37
א שליסל צו א טיר 39
ליד פון שניטער 41
„אונדזער לאנד האָט זיך צעכוואליעט...״ 42
קאָלווירטישע ווינטשעוואניעס 47

פּאָעמעס

פּיאָנערישער סאליוט (פון א פּאָעמע) 51
בוינע 57
זיאמעלע מאטראָס 72

Зельдин Яков Маркович

ПЕСНИ МОРЯ

(На еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1973, 96 стр. План выпуска 1973 г. № 276. Художник Т. И. Борисова. Редактор М. С. Беленький. Худож. редактор Д. С. Мухин. Техн. редактор И. М. Минская. Корректор А. Б. Стрельник. Сдано в набор 18/I 1973 г. Подписано к печати 3/IX 1973 г. Бумага 70×108 1/32 № 1. Печ. л. 3(4,2). Уч.-изд. л. 2,83. Тираж 900 экз. Заказ № 37. Цена 32 коп. Издательство «Советский писатель», Москва К-9, Б. Гнездниковский пер., 10. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном Комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.